STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02634

IN KLEM FUN BENKSHAFT

Eda Taub

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איטע טאוב

אין קלעם פֿון בענקשאַפֿט

לידער

פֿאַרלאַג "נס" ירושלים

EDA TAUB

IN THE FETTERS OF LONGING

POEMS

געגרייט צום דרוק — יאָסל בירשטיין

©
כל הזכויות שמורות למחברת

Eda Taub
225 West 106th St. Flat 12A
New-York, N.Y. 10025
U.S.A.

Printed in Israel
נדפס בישראל 1993
דפוס צור־אות, ירושלים

געדרוקט אין ישראל תשנ"ג
דרוקעריי צור־אות, ירושלים

צייכנונג — יאָסל בערגנער

לזכר מײַן מאַן ש׳ ע

אינהאַלט

בענקשאַפט

דאָס לעצטע וואָרט	15
מײַן טאַטנס ברכה	16
מײַן טאַטנס בקשה	17
שטעטעלע מײַנס	19
כ'בין ברוגז נישט מיט — דבֿורהלען	20
יאַנקעלע	22
זאַווערוכע	23
השגחה	24
ווידער יונג	25
גריבער	26
נישט צו פֿאַרשטיין	27
קינדער מגפֿה	28
פֿאַרהאַלט זיך אַ ווײַל	29
פֿאַרגייט	30
מײַן שוועסטערל מײַקעלע	31
מײַן מאַמעס עצה	32
דער זיידע פֿירט די אייניקלעך	34
דײַן בילד	35
גניזה	36
זאָג מיר מײַן פֿרײַנד	37
דערוואַרטונג	38

יאָסיע	40
אַ קלאַפּ אין טיר	41
אַ רגע	42
אַנטפּלעק זיך: אַ תּפֿילה	43
אַנטפּלעקט	44
אין שעהען פֿאַרנאַכטיקע	45
איינע	46
אַזוי זאָגט מײַן זיידע משה־וואָלף	47
אויף מײַן טאַטנס אַקסלען	48
זיידע	49
קבֿר אָבֿות	50
מײַן מאַמעס פֿאַרטראָנקענער קבֿר	51
קומסט צו מיר	52
ביסט דאָ	53

אין לײַכטן געמיט

אַ בוים אין אָסיען	57
די קאַפּעליע	58
קינדער	59
מיר יאָגן זיך (קינדער שפּיל)	60
ים און הימל	61
זײַן אַ ליד	63
כמאַרעס	64
פֿאַרבן און ריחות	65
קיך מכשירים	66
טויבן	68
זאַנגען ווייץ	69
גרינע טרויבן	71

גרוויין פֿון הונגעריקן קינד	72
ביימער און קינדער	73
באַרג אין קאַיאָר	74
אָסיען	75
אַ שמייכל	76
אַ משל — בוים און אָדלער	77
אַ וויכּוח	78
אַ ווונדער, אַ נס	80
אַ בוים	81
די הוידעלקע	82
אַ חלום	83

יאָרן

ער שפּילט שאָך	87
ס'קייטלען זיך די יאָרן	88
מײַן טאָגבוך	89
ניו־יאָרק	90
דאָ און דאָרט	91
ערשטער בליק	93
שכנה מײַנע	94
רעטעניש	95
קינדהייט מײַנע	96
מײַן פֿאָלק	97
מײַן גאָט	98
ליד און טרער	99
זאָל בלײַבן ווי געווען	100
הלל	101
אין יענע טעג	102

דו און איך	103
איין אָטעם	104
אַבֿ הרחמים	105
אַ צווילינג	106
אַ בלבול	107
פֿאַרמשפּט	108
אַ תּפֿילה	109
בײַם פֿענצטער	110
של נעליך	111
אַ בריק	112

איטע טאוב איז געבוירן געוואָרן אין סטודעניצע, אַ קליין שטעטעלע בײַם דניעסטער אין דער אוקראַינע. צו איר פֿינפֿטן געבוירנטאָג איז איר מוטער געשטאָרבן. צו אירע דרײַצן יאָר האָט די נויט זי געצוווּנגען פֿאַרלאָזן די היים מיט דער האָפֿענונג זיך צו דערשלאָגן קיין אַמעריקע, אַרבעטן און העלפֿן פֿאַרטרײַבן דעם הונגער פֿון אירע אייגענע. צוליב איר מינדעריעריקייט איז זי געבליבן שטעקן אונטערוועגנס גאַנצע דרײַ יאָר.

ערשט צו איר זעכצטן יאָר איז זי אָנגעקומען קיין מאָנ־טרעאָל. נאָך זעקס יאָר איז זי אַריבערגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, זיך באַקענט און זיך פֿאַרבונדן מיט שיצען איר מאַן אויף גאַנצע איין־און־פֿופֿציק פֿריידיקע יאָרן ביז זײַן אומקום אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפֿע.

"אין קלעם פֿון בענקשאַפֿט" איז דאָס ערשטע בוך אירס. זי גרייט אויך צום דרוקן אַ בוך פּראָזע: "מײַנע זכרונות".

בענקשאַפֿט

דאָס לעצטע וואָרט

וואָס איז געווען דאָס לעצטע וואָרט דײַנס טאַטע?
וועמען פֿון זיי האָסטו געטוליעט צו זיך?
דאָס 5 טאָגיקע עופֿעלע דײַן טאָכטערס
צי ברוך׳לען איר 4 יאָריקן בכור, איר שטאָלץ.

נו, און דײַן מיזיניקס יאַנקעלעס קינדער
"די אויגן פֿון דײַן קאָפּ"
האָסטו כאָטש מיט עפּעס געקענט מאַכן לינדער
זייער לעצטן טראָט?

האָבן זיי פֿאַרשטאַנען? האָבן זיי געאַנט?
האָבן זיי געטוליעט זיך צו דיר, געהאַלטן באַ דײַן האַנט?
איז נאָך געבליבן אָטעם, איז נאָך געבליבן צײַט?
אַ טראַכט טאָן אויך פֿון אונדז, דײַנע קינדער פֿון עט ווײַט?

קום צו חלום טאַטע,
כאָטש איינאונאיינציק מאָל
דאָס בעט דײַן טאָכטער איטע
כ׳בעט דיך נאָך, און נאָך אַ מאָל.

זאָג מיר אָן די צײַט,
ווײַז מיר אָן דאָס אָרט,
זאָל כאָטש אַרײַנטריפֿן אין מיר
דײַן צער, דײַן אַנגסט טאַטע, דײַן לעצט וואָרט.

מײַן טאַטנס ברכה

אוי, טאַטע, טאַטע,
ווי ס'בענקט זיך נאָך דײַן בענקשאַפֿט
מיט וואָס געאָטעמט ס'האָט יעדער בריוול דײַנס.
שוין אַזוי פֿיל יאָרן
ווי ס'קלינגט אַזוי קלאָר אין מײַנע אויערן:
— — גאָט זאָל מיר כאָטש העלפֿן
זאָלסט נושׂא חן זײַן בײַ לײַטן,
אין יעדן אויג געפֿונען זאָלסטו חן און גנאָד —

די ברכה דײַנע טאַטע,
איז מקוים געוואָרן.
געשטאַנען איז זי אין אַלע מײַנע נויטן.
נאָר געהאָפֿט האָב איך אויף מער און מער.

געבענקט האָב איך נאָך דײַנע הענט
אויף מײַנע אַקסלען,
דערפֿילן דעם בליק דײַן וואַרעמען אויף זיך.
געהאָפֿט צו זען דיך אַרומנעמען מיט ליבשאַפֿט דעם אײדעם
דײַנעם.

דאַנקען אים פֿאַר דער פֿרייד
מיט וועלכער ער האָט אָנגעפֿילט דײַן טאָכטערס לעבן.
יאָ טאַטע, געוואָלט האָב איך אַזוי פֿיל מער,
נאָר ס'איז נישט געווען באַשערט.

איצט ווילט זיך נאָר אַ ביסל רו,
זיך אַ ווענד טאָן צו מײַנע ליכטיקע זכרונות
נישט מער ווי אַ טראָפּן רו
נאָכצוגיין מײַנע אויסגערונענע חלומות.

מײַן טאַטנס בקשה

כ׳האָב געהאַט אַ חלום
יאָרן לאַנג געטראָגן אים טיף אין מײַן געמיט,
מײַן טאַטע בעט זיך אין יעדן בריוו אין זײַנעם
טאָכטער מײַנע, פֿול מיט געפֿאַרן איז די גרויסע שטאָט.

דאַרף מען זײַן געהיט אויף יעדן טריט און שריט.
איך בעט גאָט אַז ער זאָל דיך היטן,
נאָר וויסן ווייסן מיר אַז גאָט היט נאָר יענע וועלכע היטן זיך
אַליין.

קוק זשע זיך אַרום אין אַלע זײַטן
איידער דו לאָזט זיך אַריבערגיין די גאַס,
געדענק מײַן קינד אַז פֿון אַלע ווינקלען פֿאַרן נישט געהיטן
לויערט אַ סכּנה.

ענטפֿער איך מײַן טאַטן מיט אַ גערייצטן קול.
טאַטע, רעדסט צו מיר ווי איך וואָלט נאָך אַלץ געווען דאָס
יונגע מיידעלע,
איך בין דאָך שוין אַ פֿרוי אין די יאָרן, צענדליקער יאָרן ליגן
צווישן
"איטע־מענדל־יאָסל־מוישעלעס און דײַן טאָכטער
איטע טאַוב."

גערעכט ביסטו מײַן קינד ביסט שוין לאַנג אַ "פֿאָלנער
מענטש".
נאָר איך זע אַלץ נאָך דאָס דרײַצן יאָריק מיידעלע מײַנס,
ווי אַנדערש קען עס זײַן? אַז קיין אויפֿגעוואַקסענע האָב איך
דיך קיין מאָל נישט געזען.

מײַן חלום איז געװען מײַן טאַטע זאָל מיך זען אַן
אױפֿגעװאַקסענע ״אַ פֿאָלנער מענטש״
דער חלום האָט זיך טיף אין מיר באַזעצט, געמאָנט
צו זען אַלע מײַנע אײגענע און זיך לאָזן זען פֿון זײ.

האָט אָבער דער ״טאַטע פֿון די פֿעלקער״ דעם װעג פֿון מיר
פֿאַרשטעלט.
פֿאַרריגלט אַלע ריגלען, פֿאַרשלאָסן אַלע טױערן.
נאָך אים האָט שױן זײַן שותּף, זײַן חבֿר,
פֿאַרענדיקט און אױס.
אױסגעשפּרײט דעם טױט װי אַ פֿלעדערמױז

זײַנע גרױסע שװאַרצע פֿליגלען,
צוגעדעקט מײַן חלום אין אײנעם מיט מײַן פֿלײש און בלוט.
טראָגט איך איצט אַרום אין זיך אַ בר־מינן אַ חלום,
און הײב נישט אָן צו װיסן װאָס מיט אים צו טאָן.

שטעטעלע מײַנס

שטייסט מיר פֿאַר די אויגן שטעטעלע מײַנס.
אַ צעצוויטעטע אין די יונגע חדשים פֿון פֿרילינג
אין שפּעטע זומער חדשים זע איך דיך אַ פֿאַרשיכּורטע
פֿון די ריחות פֿון די רײַף ווערנדיקע פּירות.

איך זע אַזוי קלאָר די געבויגענע צווײַגן
און אונטער דער משׂא פֿון שפֿע,
ווי אַ פֿרוי אויף דער צײַט צעוואַקסן, צעשפּרייט
מיט צוזאָג אויף מאָרגן אין דערוואַרטונג אין פֿרייד.

פֿאַרשוווּנדן איז דאָס שטעטעלע מײַנס צעשטויבט און
צעריבן
נישט אויף קיין מאַפּע, נישט אויף קיין גלאָבוס
אין מיר ביסטו אָבער אַ גאַנצע פֿאַרבליבן
מיט דער זאָרג פֿון דײַן וואָך מיט דער פֿרייד פֿון דײַן שבת.

כ׳בין ברוגז, נישט מיט — דבֿורהלען

מײַן חבֿר׳טע דבֿורהלע האָט פֿלאַמיק רויטע האָר.
די הויט אירע אַ ראָזאָווע מיט קלײַנע אַ באַשפּרינקלטע,
אויפֿן הויכן שטערן הענגען תּמיד אַ פּאָר אײַנגעשפּאַרטע לאָקן.
זיי געבן זיך נישט אונטער, און לאָזן זיך נישט צוימען.

אירע האָר אַ צעשטראַלטער וואַסערפֿאַל,
מיט יעדער ריר צעכוואַליען זיי זיך אין אַ שימער.
דבֿורהלע איז שטענדיק אין געיעג.
אַנו, ווער וועט פֿריִער אָנקומען צום ראַטיש איך צי דו?

יאָגן מיר זיך פֿריידיקע, לאַכעדיקע און קומען אָן ביידע אין איינעם.
כאַפּט מען זיך אַרום, ווערט גוט אַזוי און וואַרעם, אַז ס׳ווילט זיך וויינען.
איך קען נישט פֿאַרשטיין און הייב נישט אָן וויסן
פֿאַרוואָס זײַנען מיר נישט קיין שוועסטערלעך? צווילינג שוועסטערלעך אַפֿילו.

טיילן זיך מיט מײַן טאַטנס, מײַן ברודער אַרקעס גוטסקייט.
מיט איר טאַטנס (אַבֿרהם נחמית) חכמות, ווערטלעך, און מיט דער וואַרעמקייט
פֿון מרים׳ן איר מאַמען.
נאָר ווי קענען מיר זיך טיילן גלײַך אויף גלײַך?

אַז מײַן מאַמען האָב איך שוין וואָכן לאַנג נישט געזען אַפֿילו...
ברוגז בין איך, מסוכן ברוגז, כאָטש איך זאָג עס קיינעם נישט.

זי איז מיט אַ מאָל אַוועק פֿון מיר און שוין...
ווייסט זי דען נישט אַז איך בענק נאָך איר?

איך וויל נישט ריידן מער פֿון דעם
אַפֿילו טראַכטן אויך נישט,
נאָר פֿון דבֿורהלען איז גוט צו טראַכטן.
זי וועט קיין מאָל מיך נישט איבערלאָזן און אַוועק פֿון מיר.
קיין מאָל נישט.
זי האָט מיך ליב.

יאַנקעלע

כ'האָב געהאַט אַ ברודערל
האָט ער געהייסן יאַנקעלע,
נאָך גאָר אַ קליינינקער
אָבער אַ שטיפֿער שוין אַ גרויסער.

זײַן לויטער ליכטיק פּנימל מיט זומער־שפּרענקעלעך באַפּעפּערט.
זײַנע בלויע אייגעלעך שטענדיק אין געיעג
צו טרײַבן אַ קאַטאָוועסל, אָפּצוטאָן אַ שפּיצל,
זוכן רק אַ וועג, אַ געלעכטער אַרויסצורופֿן.

געזונגען האָט אונדזער יאַנקעלע ווי אַ פֿייגעלע אַ פּרײַס,
צוגעקלאַפּט מיטן פּיסעלע צום ריטם, און צום טאַקט.
האָט עמעץ ווער אַ טעות געמאַכט האָט זיך באַלד דערהערט זײַן קולעכל:
ניטע, ניטע, נישט אַזוי!

ווען צעלאַכט האָט זיך דער עולם
האָט זיך יאַנקעלע נישט פֿאַרלוירן,
מיט אַן ערנסטן בליק אין פּנים
כּלומר: וואָס פֿאַר אַ געלעכטער אין מיטנדערינען?

ווּ ביסטו יאַנקעלע?
מיט דײַן שאַרפֿן קעפּעלע,
מיט די שטיפֿערישע אייגעלעך,
מיטן קלינגענדיקן געלעכטערל.
וויפֿל טויטן האָט גענומען דײַן געלעכטער צו פֿאַרשטומען?
אויסצולעשן די פֿרייד וואָס האָט אין דיר געקוועלט?
זיך פֿון דיר געטראָגן, זיך פֿון דיר געשפּרייט.
האַרציק ליבער יאַנקעלע.

זאַוורוכע

אַרײַנגעבלאָזן האָט די זאַוורוכע אונדזער טאַטן,
מיט די עמערס וואַסער אין בײדע הענט אין זײַנע.
האָבן מיר קינדער זיך צונויפֿגעטוליעט,
זיך פֿאַרהיטן פֿון דער קרירה
וואָס האָט זיך געטראָגן פֿונעם גאַנצן גוף
פֿון זײַנעם.

דעם טאַטנס שוואַרצע באָרד
מיט פערל אײַנגעקרעלט,
זײַן פּנים צונטער רויט,
די פֿאַרשנייטע ברעמען, וויעס
וו בײַ אַ ווײַסער טויב.

— קינדערלעך, ציט אַראָפּ די הענטשקעס
און רײַבט מיר אײַן די הענט,
אַ שווערער, שאַרפֿער פֿראָסט הײַנט
שׂרפֿ'עט און ברענט.—

האָט מיך אַרומגענומען אַ רחמנות
אויפֿן ליבן טאַטן מײַנעם,
האָב איך זיך אין אים אײַנגעטוליעט,
און מיט מײַן אָטעם
צעוואַרעמט די שטײַפֿע פֿינגער זײַנע.

השגחה

מענדל איז מײַן טאַטנס נאָמען
מײַן מאַמעס — ברכה.
דער זיידע מײַנער זעט אין דעם כּוונה
ממש רמזים פֿון השגחה.

מענדל איז מנחם, מנחם איז אַ טרייסט, זאָגט מײַן זיידע,
ברכה איז אַ בענטשונג,
זעט מען דאָך בעשײַמפּערלעך ווער ס'האָט אויסגעפֿירט דעם
שידוך.
און אַז דער וואָס לעבט אייביק איז דער שדכן איז דער שידוך
תּמיד אַ געראָטענער.

דעריבער זענען זיי געבענטשט מיט אַזוינע ליבע קינדער
ווי דײַן ברודער אַרקעלע, ווי דו אַליין איטעלע.
דערבײַ גיט זײַן סאַמעטענע האַנט אַ גלעט מײַן קאָפּ
ווערט מיר אַזוי וואַרעם, ווערט מיר אַזוי גוט.

פֿאַרגעס איך שוין צו פֿרעגן בײַ מײַן זיידן
וואָס איז אַזוינס רמזים?
וואָס איז אַזוינס כּוונה און השגחה?
נאָר זאָל שוין זײַן אַזוי.

ס'איז מיר אַזוי גוט אַז בעסער קען נישט זײַן.
מײַן קאָפּ אויפֿן זיידנס אַקסל
אײַנגעטוליעט אין אים.
ווילט זיך גאָר שווײַגן
אויך מײַן זיידע שווײַגט.

ווידער יונג

אין אַ דינעם שפּינגעוועב פֿאַרוועבט זײַנען די אויגן,
אײַנגעוויקלט איז דאָס האַרץ אין אַ
טונקלען טוך.

אָט הער איך דיך פּלוצים אַזוי קלאָר מיר זאָגן
— גזלנטע, באַרויבט האָסטו די זון פֿון אירע שטראַלן.
אײַנגעפּלאָכטן האָסטו זיי אין די האָר אין דײַנע.
נו, זאָג אַליין ליובע מײַנע, איז עס שיין אַזוי? —

ציִען זיך אַראָפּ די שפּינגעוועבן פֿון מײַנע אויגן.
ס'פֿאַלט אַוועק דער טוך דער טונקעלער פֿון מיר,
איך בלײַב שטיין אַ גלײַכע ווי קיין מאָל נישט געבויגן
דאָס אַש פֿון מײַנע האָר טוט זיך אָפּ פֿון מיר.

איך דערפֿיל אויף ס'נײַ די פֿינקלדיקע קרוין אויפֿן קאָפּ אויף
מײַנעם,
די זון צעשטראַלטע קרוין מיט וועלכער
דו אַליין האָסט מיך געקרוינט.

ס'איז מיר ווידער גוט,
איך בין ווידער יונג,
אַ דאַנק דײַן וואַרעם קול
אַ דאַנק דער ליבשאַפֿט
וואָס אין האַרץ בײַ דיר
פֿאַר מיר.

גריבער

אַ קלאַנג האָט זיך דערטראָגן
איבער אַלע שטיבער,
אַז נישט ווײַט פֿון דאַנעט
גראָבט מען טיפֿע גריבער.

האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אימה
איבערן שטעטל, באַרג און בוים.
מאַמעס מיט עופּעלעך אין די אָרעמס
לויפֿן, און ווייסן נישט וווהין.

ווען ס'האָט אַ קראַך געטאָן אַ דונער,
ס'האָט אַ פליוך געטאָן אַ רעגן,
האָבן מאַמעס זיך געטרייסט:
— דאָס איז פֿאַר די קינדערס װעגן. —

ס'האָט אָבער זיך נישט אײַנגעשטילט דאָס בילן פֿון די הינט.
הינט געלערנטע, וואָס פֿאָלגן אויס באַפֿעלן,
קומען אַלץ נענטער און לאָזן פֿון זיך הערן.
באַלד אַרומגערינגלט די מאַמעס מיט די קינדער
און געטריבן, געטריבן אַלץ נענטער צו די גריבער.

געמישט האָט זיך יללה, געפילדער, מיט געלעכטער און
באַפֿעלן
אַ געמיש פֿון בילן פֿון די הינט מיט גוואַלדן
און געיאָמער פֿון מאַמע און פֿון קינד.
דערליידיקט דעם עסק ווערט שטיל, שטיל ווי אין אַן אויער
דער האַר גלעט דעם כּלבֿ פֿאַר זײַן גוטער אַרבעט.
ס'ווערט שאַ, שטיל, און גלײַך ווי גאָרנישט.

נישט צו פֿאַרשטיין

ווערט ביסטו שוין אַ באַשאַפֿענע
צי האַלסטו ערשט אין ווערן?
בײדע װוּנדער איבער װוּנדער
נישט צו באַנעמען, נישט צו דערקלערן.

וואָס איז אונדזער שײַכות? פֿון וואַנען קום איך? וווּהין גיי איך?
איז דאָ אין מיר כּוונה? איז פֿאַראַן אין מיר אַ ציל?
איז מײַן וועג אַ פֿאָרויס באַשטימטער,
און איך נישט מער ווי אַ שטויבעלע אין שפּיל.

בין איך סתּם אַ צופֿאַל?
אָן כּוונה, אָן שום פּלאַן.
פֿאַרוואָס זשע פּײַניקט אַזוי
דער איבעררײַס פֿון זײַן?

פֿון וואַנעט זשע אַזאַ עלנט?
פֿון וואַנעט זשע אַזאַ בענקשאַפֿט?
אויב כ'בין נישט מער ווי אַ זערנע שטויב.
ניין, כ'קען עס נישט באַנעמען, שווער מיר צו פֿאַרשטיין.

צי איך זיך קריק און אין מײַן צעטומלעניש,
ווענד איך זיך נאָך אַ מאָל צו דיר, צו מײַנע ליכטיקע זכרונות,
ווערסט אַוודאי ווי תּמיד קומען מיר אַנטקעגן
אויב נישט מײַן ליבסטער
פֿירן מיך צו דיר
אַלע שליאַכן
אַלע וועגן.

קינדער מגפֿה

אָנגעטראָגן האָט דער ווינט אַ שׂרפֿה
פֿון העט ווײַט פֿון ווייסער ווו
און די ביטערע מגפֿה
שפּרייט זיך אויס פֿון שעה צו שעה.

קלאָגן מאַמעס, ברעכן הענט,
טאַטעס זיפֿצן, זאָגן תּהילים,
צעשראָקן שאַרן זיך די קינדער בײַ די ווענט
שטיל, אָן געוויין, אָן אַ זיפֿץ אַפֿילו.

פֿון דרויסן טראָגט זיך אַ געיאָמער
ס׳הערט זיך "צדקה תּציל ממות"
דאָס טראָגט מען מאַכליעס 5־יאָריקן בן יחיד,
דער ערשטער פֿון די קינדער קרבנות.

מאַכליע די ברייטע, די מילדע מיטן זוניקן פּנים,
ערשט האָט זי אירע קינדערלעך, אויך מיך בתוכם,
אין איר ברייטן, וואַרעמען פֿאָדעליק
אַרײַנגענומען.

געזונגען אונדז לידעלעך, דערציילט אונדז מעשׂהלעך.
איצט, אָן אײַנגעבויגענער ס׳הענגט איר קאָפּ,
אירע האָר ציִען זיך אַראָפּ.
אַ קלאָג־ווערבע אונדזער מאַכליע.

מאַכליע קלאָגט, און מיר אַלע קלאָגן מיט איר מיט.

פֿאַרהאַלט זיך אַ ווײַל

קומסטו צו מיר פֿאַרהאַלט זיך אַ ווײַל,
בלײַב נישט שטיין בײַ דער טיר
דו פֿילסט דאָך אַוודאי
מײַן בענקשאַפֿט צו דיר.

דײַן טראָט דערפֿרייט די שוועל
פֿון מײַן טיר.
אַ פֿריידיקער אָנזאָג אין מײַן לעבן ביסטו,
אַ בשׂורה אַ גוטע איז דײַן קומען צו מיר,
ברענגסט פֿרייד, ברענגסט מיר רו.

נאָר דײַן פּלוצים דערשײַנען
דײַן פּלוצים פֿאַרגיין,
נאָך איידער געזעטיקט ס׳איז
מײַן אויג פֿון דיך זען,

שטעלט אָפּ דעם אָטעם אין מיר,
און איך שפּיר
איך וויל נאָכגיין נאָך דיר,
איך וויל מיטגיין
מיט דיר.

פֿאַרגייט

שטיל דאָס האַרץ אין מיר הײַנט,
שטיל ווי פֿאַר אַ שטורעם.
נאָר אין דער שטילקייט זשיפּעט
אַן אומרו, אַ מטורף.

עגבערט אָט די שאלה,
ווייטיקט זייער די תּשובֿה.

ווער וועט זיי דערמאָנען?
ווער וועט זיי געדענקען?
וועמען וועלן זיי אויספּעלן?
ווער וועט נאָך זיי בענקען?

ס'ווילט זיך אײַנהאַלטן זייער קיום
פֿאַרלענגערן זייער זײַן,
איבער יאָרן, איבער צײַטן,
כאָטש אַ זכר, כאָטש אַ שײַן.

בלײַבט די שאלה
אָן אַן ענטפֿער, אָן באַשייד.
ווי אַנדערש קען עס זײַן?
ווען אַלץ וואָס איז, פֿאַרגייט.

מײַן שוועסטערל מײַקעלע

מײַקעלע מײַן שוועסטערל, אַ דינענקע און איידעלע,
שטענדיק אַ פֿאַרקלערטע,
אַ שעמעוודיק — באַשיידענע.

פֿול מיט אויגן איז איר פּנים׳ל.
פֿאַרחלומט און פֿאַרטראַכט,
הייבט זי אויף די אויגן אירע
פֿרייט זיך וועלט און לאַכט.

מײַקעלע מײַן שוועסטערל
מיט די טויזנטער פֿאַרוואָסן,
— פֿאַרוואָס נעמטן נישט אַרויס אַלע אויוונס, אַלע הרובעס
אינעם פֿרירנדיקן דרויסן? אָנוואַרעמען דעם דרויסן אַז **קיינער**
זאָל נישט
פֿרירן, נישט דבֿורהלע, נישט הערשעלע, נישט לאהקעלע,
נישט מירל.

וועט אַלעמען זײַן וואַרעם, און קיינער וועט נישט פֿרירן
וועט ווידער ווערן זומער
וועלן שטיין אָפֿן אַלע טירן.

וועלן זיך פֿייגעלעך צעזינגען,
וועלן זיך בלימעלעך צעבליִען,
און דו, און איך, און דבֿורהלע
וועלן ווידער שווימען, לויפֿן, פֿליִען.
אַזוי טענהט מײַקעלע, אונדזער פֿידעלע דאָס צאַרטע.
רק ס׳האָט אָבער דער שטורעם זי פֿאַרטראָגן,
ס׳האָט די שׂרפֿה זי פֿאַרשׂרפֿעט,
די מגפֿה האָט זי פֿאַרצוקט
און אויס, און שאַ, און גאָרניט.

מײַן מאַמעס עצה

יאָגט זיך אַ מערישקע, אין מויל בײַ איר, אַ שטרוי,
פֿרעג איך מײַן ברודער אַרקען
וואָס אײַלט זי זיך אַזוי?
זע, אין מויל בײַ איר אַ שטרוי!

ענטפֿערט מיר מײַן ברודער
און מאַכט צו מיר אַזוי:
קיין ליידיק־גייער איז זי נישט
וואָס זשע איז דאָס חידוש וואָס זי טראָגט אין מויל די
שטרוי?

ווּו דען זאָל זי עס טראָגן אין די הענט אין אירע?
דערהערט מײַן ברודערס רייד, דערשפּירט דעם חוזק, און זיך
צעוויינט.
זע נאָר זע, מע דאַרף זיך היטן מיט אַ וואָרט.
די אויגן אירע שטייען ווײַזט אויס אויף אַ נאַסן אָרט.

טו זי נאָר אַ ריר טוט באַלד אַ פֿליוך אַ מבול.
ווען מײַן מאַמע האָט אויסגעהערט די טענות מײַנע
מיך אויסגעווישט די טרערן און אַ זאָג געטאָן:
דער ברוגז דײַן ברודערס ציט זיך נאָך פֿון נעכטן.

ביסט אים נאָכגעלאָפֿן בעת געוואָלט האָט ער גאָר זײַן אַליין.
ווען וועסט מירטשעם עלטער ווערן וועסטו אַליין פֿאַרשטיין.
פּונקט ווי מיר ווילן זײַן מיט מענטשן, אַזוי איז אויך נייטיק צו
זײַן אַ מאָל מיט זיך אַליין.

זאָג דײַן ברודער אַז דו פֿאַרשטייסט שוין בעסער
דאַרפֿסט נישט וואַרטן צו ווערן גרעסער
דו פֿאַרשטייסט דאָך שוין קאַנאָרע (קיין עין הרע)
ווי אַ גרויסע.

דער זיידע פֿירט די אייניקלעך

מיידוניו, נאָך אָן אַ נאָמען שוין אָן אַ מאָרגן.
נאָך איידער דו האָסט די וועלט דערקענט
לויערט זי שוין אויף דיר אין איר גרימצאָרן.

ווי אַ ספֿר־תּורה האַלט דײַן זיידע דיך,
ס׳גייט נאָך די מאַמע דײַנע די קימפּעטאָרן.
צעשראָקענע, אַרויפֿגעריסענע אייגעלעך בײַ ברוכ׳לען דעם ברודער דײַנעם.
ער האַלט זיך שטאַרק אין ביידן, אין דער מאַמען און אין זיידן.

אַרײַנגעשטאָכן האָבן זיך טויזנט זשאַווער שפּיזן אין דײַן זיידנ׳ס האַרץ
טראָגנדיק דיך עופּעלע, פֿירנדיק דעם ברודער דײַנעם.

נאָר ס׳האָט דער טאָג זיך נישט פֿאַרחושך׳ט.
ס׳האָט די זון זיך נישט באַהאַלטן,
די פֿייגל זײַנען נישט פֿאַרשטומט געוואָרן.
און דער הימל האָט זיך נישט געשפּאָלטן

בעת געטראָגן ס׳האָט אַ זיידע
זײַן 5 טאָגיק אייניקל, געפֿירט איר 4 יאָריקן ברודער
געפֿירט זיי ביידע
צו דער עקידה.

דייַן בילד

מייַן אויג האָט זיך פֿאַרהאַלטן
אויפֿן בילד אויף דייַנעם.
האָט אַ קוועל געטאָן אַ פֿרייד
אין בענקענדיקן האַרץ אין מייַנעם.

ווי גוט ס'איז מיר געוואָרן,
ווי גוט ס'איז מיר עדיין.
אַז אַ שלונג פֿרייד פֿון זכּרון
זאָל מיך אַזוי באַנייַען.

פֿאַלט ביסלעכווייַז אַראָפּ פֿון מיר
מייַן אלמנה קלייד.
און אין האַרץ ביַי מיר גייט אויף
אַ שטילע פֿרייד.

דאַנק איך דיר מייַן לעבן
נאָך און נאָך אַ מאָל
פֿאַר אַלץ וואָס האָסט מיר געגעבן
אין אַזאַ שפּעדיקער מאָס און צאָל.

גניזה

דער שטורעם האָט זיך אײַנגעשטילט,
דער ים איז שוין באַרויִקט.
אויסגעלײַטערט איז דער הימל. בלוי.
פֿאַרוואָס זשע בויטעט זיך אויף מיר אַזוי און שטורעמט?

דאָס האַרץ מײַנס, אַ גניזה,
דער מוח, אַ תּהום.
כ׳צי אַרויס אַ שמה
קוועלט אויף אַ וווּנדערלעכער שטראָם.

אָט זײַנען מיר צווישן אייגענע
אין געפּלאַפּל, אין געלעכטער אין אַ ים פֿון רייד.
בלײַבן מיר אין צווייען נאָר,
הילט אונדז אײַן אַ שטילשווײַגן אַ טערפּקע זיסע, פֿרייד.

ביידע זײַנען טײַער מיר.
ביידע זײַנען ליב.
געבענטשט זאָל זײַן די גניזה
פֿאַר פֿאַרהיטן דײַנע טריט.

זאָג מיר מײַן פֿרײַנד

זאָג מיר מײַן פֿרײַנד ווו? ווען?
צי האָט ווער געאַנט, צי האָט ווער געזען?
אין ליכט פֿון טאָג צי אין חושך פֿון נאַכט?
זאָג מיר, זאָג מיר מײַן פֿרײַנד.

זאָג מיר מײַן פֿרײַנד, איז מען געגאַנגען אַליין
צי האָט מען געטריבן?
האָבן אַלע געשפּאַנט
צי זײַנען פֿון זיי הינטערשטעליק געבליבן,
זאָג מיר, זאָג מיר מײַן פֿרײַנד.

זאָג מיר מײַן פֿרײַנד
האָבן די קינדער געוויינט
צי האָבן זיי גאָר אַלע געשוויגן,
האָט זיך דער הימל פֿאַרכמאַרעט
פֿאַרשעמט
צי האָט די זון זיך צעשײַנט
זאָג מיר, כ׳בעט דיך,
זאָג מיר
מײַן פֿרײַנד.

דערוואַרטונג

ס׳גרינט בײַ מיר מײַן גאָרטן,
ס׳בליִען מײַנע בלומען.
אָט באַלד פֿון דאָ און דאָרטן
וועט מײַן ליבסטער קומען.

ער וועט מיר ברענגען זונען,
ער וועט מיר ברענגען שטראַלן,
וועט ברענגען מיר ניגונים
און זיי וועלן זיך צעשאַלן.

צוויטעט שוין דער סאָד בײַ מיר
פֿאַרפּוצט אין העלע פֿאַרבן,
פֿליט אַ פֿלאַטערל פֿאַרבײַ
און שטעלט זיך אויף מײַן שאַרבן.

פֿלאַטערל, דו פֿלאַטערל,
וואָס איז עס פֿאַר אַ סימן?
וועל איך זוכן, זוכן אים
און קיין מאָל נישט געפֿינען?

צי אפֿשר גאָר געקומען ביסט
אַ בשׂורה מיר אָנזאָגן
אַז אָט, אָט, אָט
און באַלד, באַלד, באַלד
שאַריעט שוין אויף טאָגן.

טו איך אָן מײַן שנורל פֿרייד
וואָס ער האָט מיר געשאָנקען,
קום שוין ליבסטער, קום שוין קום,
לאָמיך דיר באַדאַנקען.

געשריבן אין 1934

יאָסיע

ערשט נאָר וואָס האָט זיך דערטראָגן
די וויסטע ידיעה:
יאָסיע איז שוין אויך נישטאָ.
האָט אַ טיאָך, אַ ריס געטאָן אין האַרץ.

ווי איז עס מיגלעך, ווי קען עס זײַן?
ווי פּאָרט זיך גאָר יאָסיע מיט טויט?
נישט אַנדערש נאָר אַ טעות, אַ ביטערער טעות.
די ווירקליכקייט באַשטייט אָבער אויף אירן.

יאָ, דער דינאַמאָ יאָסיע, דער אײַנגעליבטער אינעם לעבן
האָט זיך גאָר געמוזט בייגן, זיך אונטערגעבן
דער אומפֿאַרמײַדלעכקייט,
ווער קען עס גאָר גלייבן?

מיטגענומען האָסטו ברודער יאָסיע שטיקער לעבן,
ליבשאַפֿטן
פֿון דײַן ליבער גאָלדען, פֿון דײַן בת־יחידה סוזען,
פֿון דײַן שוועסטער לייקען, און שוועסטער רחלען,
מיך אַרײַנגערעכנט.

פֿעלן וועסטו אונדז אויספֿעלן,
ליבער ברודער יאָסיע,
טראָגן וועלן דיך דײַנע אייגענע
אין האַרץ און אין זכּרון
ווי לאַנג
מיר וועלן לעבן.

אַ קלאַפּ אין טיר

אין אַ שפּעטער שעה, אין חושך פֿון דער נאַכט
אָנגעלאָפֿן איז דער שוואַרצער וואָגן, שטייט שוין און וואַרט.
דער קלאַפּ אין טיר, דער טיאָך אין האַרץ
זאָגט אָן אויף פֿריִער די לאַנגע נאַכט.

מ'איז שוין דאָ...
מע נישטערט אין קאָמאָדן,
מע שלײַדערט אַלץ צו דער ערד.
פֿליִען העפֿטן, בויגנס פֿון שופֿלאָדן.

— צעוואַרפֿט נישט מײַנע כתבֿים,
שלײַדערט נישט אַזוי!
דאָ ליגן יאָרן שווערע אַרבעט, שווערע מי,
פֿאַר אונדזער פֿירער, אונדזער לאַנד, אונדזער סטרוי. —

איר וועט אַליין אײַנגיכן אײַנזען
אַז געמאַכט האָט איר אַ טעות,
איר וועט נאָך קומען בעטן מיך מחילה.
— דאָס איז זייער פּזמון, אַלע טענהן זיי אַזוי. —

אַרויסגעשטופּט פֿון שטוב, אַרײַנגעשטופּט אין וואָגן.
מיר באַפֿוילן בלײַבן, נישט רירן זיך פֿון אָרט.
ס'דערווײַטערט זיך דער וואָגן און מײַן לעבן אויך.
מער האָב איך אים שוין קיין מאָל נישט געזען.

אַ רגע

אין די שווערע שעהען מײַנע שטרעק איך זיך צו דיר
און דו קומסט מיר באַלד אַקעגן.
פֿריידיק פֿריש באַגעגן איך דעם טאָג.
גוט איז מיר, ביסט דאָ מײַן בענקשאַפֿט אײַנצוּוויגן.

אָבער נאָר אַרגע, האַלט אָן די פֿרייד אין מיר.
באַלד ווערסטו דינער נעפּלדיקער ווײַטער,
ביז פֿאַרגייסט אינגאַנצן
ווי אַן עכאָ אָן שום באַריר.

וויל איך אײַנהאַלטן די רגע,
טוליען זי צו זיך, פֿרייען זיך מיט איר
אָבער אויך זי האָט זיך דערווײַטערט,
זיך אָפּגעטאָן פֿון מיר.

בלײַב איך זיצן אײַנגעהילט
אין מײַן אַלמנהשאַפֿט
און בענק און בענק נאָך דיר.

אַנטפּלעק זיך: אַ תּפֿילה

ווו באַהאַלטסטו זיך? וואָס פֿאַרהוילסטו זיך?
איך פֿאַרשטיי דײַן אַנטלויפֿן
איך פֿאַרשטיי דײַן אַנטרינען
איך דאַרף דיך אָבער, ניין, איך מוז דיך געפֿינען.

ביז ווען וועלן מאָנען "דער פֿאַרוואָס", "דער פֿאַרווען",
זיי רײַסן זיך פֿון די סאַמע גדרים.
ביז ווען וועסטו לאָזן אָן באַשייד די משׂא די שווערע?
וויפֿל מאָל אַנטלויפֿן פֿון דיר און באַלד
זיך אומקערן, אויף ס'נײַ זיך אָנשעפּן מיט פּײַן, מיט אַנגסט,
און מיט טרערן.

גאָט מײַנער, האָב גאָט אין האַרצן.
באַווײַז זיך צו מיר.
אַנטפּלעק זיך פֿאַר מיר,
מאַך מיך פֿאַרגעסן.

מאַך מיך נישט הערן
דאָס געיאָמער פֿון די קינדער.
מאַך מיך נישט זען מער
מײַן טאַטנס טרערן.

נעם צו די פּײַן
זאָל זי זיך אָפּטאָן,
זאָל,
זאָל זי פֿאַרגיין! אָמן.

אַנטפּלעקט

אין די קאַלטע פֿאַרשנייטע שבתים
ווען דער הימל הענגט נידעריק, מיט דער האַנט צו
דערלאַנגען,
שפּרייט זיך אַן אומעט אין פֿאַרטונקלטע שטיבער.
ווערט שווערער, ווערט סמוטנער, ווערט טריבער.

ציט זיך ס'האַרץ ווייסט נישט וווהין,
בענקט זיך נאָך עפּעס
ווייסט נישט נאָך וואָס.
וויגסטו און וויגסט זיך אַהער און אַהין
אָן אַ פֿאַרוועץ און אָן אַ פֿאַרוואָס.

ערשט ווען ס'באַווייַזט זיך דער ערשטער פּאַס ליכט
ווען שיטערער ווערט דער זאַוויי,
לייַטערט זיך ביסלעכווייַז אויך דייַן געמיט
אינאיינעם מיט בלענד פֿונעם שניי.

ווערט קלאָר און קלאָרער דער גאַנצער אַרום,
אויף זייַן שייַכות צו מיר,
ציט זיך דער עלנט צוריק און איך שפּיר
אַ טייל פֿונעם גרויסן וווּנדער אויך אין מיר.

ווערט מיר גוט,
זייער גוט ווערט מיר.

אין שעהען פֿאַרנאַכטיקע

אין שעהען פֿאַרנאַכטיקע
ווען ס'ציִען זיך שאָטנס אין מאָדליאַנישע לענגען,
ברענגט דער טונקל ליכט אין מײַנע אויגן,
באַלײַכט די געשטאַלטן וואָס ער האַלט אין איין ברענגען.

היימיש און אייגן מיר זײַנען זיי אַלע
איך פֿריי זיך מיט זיי און קען זיך נישט זעטיקן,
כ'ווייס, אַז באַלד מיטן ליכט פֿון פֿרימאָרגן
ווערן זיי נעלם, זיי וועלן נישט שפּעטיקן.

ווילט זיך מיר ווערן אַ טייל פֿון מײַן עדה
ס'ווילט זיך מיר אָנהאַלטן ווי זיי, איינס אין אַנדערן,
נאָר צווישן אונדז ליגט אַ מחיצה, די עקידה,
טרײַבט מיך פֿון זיי און טיילט אונדז פֿאַנאַנדער.

בלײַב איך שוין ווידער איינע אַליין
דאָס ליכט דאָס פֿרימאָרגנדיקע פֿאַרטונקלט מײַנע אויגן
דאָס אָרט ווו געשטאַנען זײַנען ערשט מײַנע אייגענע,
שטייט פּוסט פֿאַרלאָזט.

שטיי איך ווידער און וואַרט אויף דער שעה
ווען ס'ציִען זיך שאָטנס אין מאָדליאַנישע לענגען,
אפֿשר דאָס מאָל וועלן זיי ברענגען מיר רו
און אפֿשר אַפֿילו
מיך אײַנזאַמלען אין
מײַן עדה.

איינע

ס׳יאָגן, יאָגן זיך די יאָרן,
וואָלט געדאַרפֿט דאָך ווערן גרינגער.
אָבער נישט אַזוי, טאַטע, איז דווקא
בײַ דײַנע קינדער.

אַרקע, דער בכור דײַנער,
האָט פֿרײַוויליק אַרויפֿגעצויגן דעם מיליטערישן מונדיר
געיאָגט זיך איבער קאַנטן איבער ימ׳ען
צו לעשן דאָס פֿײַער וואָס האָט פֿאַרמאָסטן
זיך אויף דיר.

דאָס פֿײַער וואָס געברענט האָט דײַנע טריט,
האָט געלאָשן יעדן פֿונק פֿון האָפֿענונג אין דײַן זונס געמיט,
טאַטע, צו אונדזער גרויסן ווייטיק
האָט דײַן זון פֿאַרשפעטיקט.

אַן אויסגעלאָשענער, אַן אײַנגעבראָכענער,
איז דײַן זון צוריקגעקומען פֿון די ווײַטע מקומות,
אַ פֿאַרשלאָסענער אין שטילשווײַגן
פֿון וועלכן ס׳האָט זיך געטראָגן אַ געיאָמער
אויף די העכסטע קולות.

טאַטע, אַרקע איז שוין אויך נישטאָ,
נישטאָ מער קיינער,
נאָר איך, טאַטע, דײַן טאָכטער איטע,
אַ פֿאַרמשפּטע צו בלײַבן די לעצטע,
די איינציק איינע.

אַזוי זאָגט מײַן זיידע משה־וואָלף

אין אַ כמאַרנעם, רעגנדיקן טאָג
האָט מײַן זיידע משה־וואָלף געטאָן אַ זאָג:
איך זע, ביסט זייער נישט צופֿרידן,
וואָס קענסט הײַנט אין דרויסן זיך נישט שפּילן.

געב אַליין אַ קלער, טו אַ טראַכט,
ווי גוט גאָט האָט עס געמאַכט,
אַז פֿאַר יעדן מענטשן, קינד און חיה
איז דאָך דער רעגן אַ מחיה.

טרינקט אָן די סעדער, גערטנער
און די וועלדער.
אָפּגעפֿרישט און פֿול מיט דאַנק
זײַנען אַלע פֿאַרן טײַערן געשאַנק.

ווען דו וועסט מירטשעם מאָרגן אַרויס זיך שפּילן
וועסט באַלד אַליין דערפֿילן,
אַז דער מחיהדיקער ריח פֿון די בייטן
קומט תּמיד נאָך אַ רעגן פֿון די קווייטן.

ווען דו וועסט זיך דאָס דערוויסן
וועסטו דעם רעגן אַליין באַגריסן,
ווי ס'טוט דער שטאָלצער בוים,
ווי ס'טוט דאָס גרעזעלע דאָס גרינע.

אַזוי זאָגט מײַן זיידע משה־וואָלף
און איך גלייב אים,
איך גלייב יעדן וואָרט מײַן זיידנס.

אויף מײַן טאַטנס אַקסלען

הויך בין איך, הויך,
נאָך העכער פֿון מײַן טאַטן.
ס'איז מיר זייער גוט
אויף מײַן טאַטנס אַקסלען רײַטן.

שטרעק איך אַרויף מײַן הענטעלע
דערלאַנג איך שוין די כמאַרעס.
געב איך זיי אָפּ שלום
פֿאַר דבֿורהלען, פֿאַר מירעלען, אויך פֿאַר שׂרה בערל דודיעס.

מײַן טאַטע שפּאַנט, און הערט נישט
מײַן געבעט זיך צו פֿאַרהאַלטן,
וועל איך זיך אַרויפֿכאַפּן אויף דער כמאַרע
און זיך אין איר באַהאַלטן.

זאָל מײַן טאַטע זוכן, זוכן,
און נישט קענען מיך געפֿינען,
איך און די כמאַרע וועלן זיך קאַטשען פֿאַר געלעכטער,
לאַכן, פֿון אָוונט ביז באַגינען.

זיידע

— זיידע, וווּהין גייען מיר?
— איך ווייס נאָך נישט מײַן קינד.
— זיידע, פֿאַרוואָס שרײַט ער אַזוי?
— ער איז אַ בייזער מענטש מײַן קינד.
— זיידע, פֿאַרוואָס שלאָגט ער דיך?
— ער איז אַ שלעכטער מענטש מײַן קינד.
— זיידע, איך האָב מורא.
— איך ווייס, איך ווייס מײַן קינד.
— זיידע, פֿאַרוואָס שיט ער אויף מיר זאַמד?
אין מײַנע אויגן, אין מײַן מויל.
— פֿאַרמאַך די אייגעלעך און שווײַג מײַן קינד.
— זיידע, זיידע, זיידע, — שוין.
אין קול ואין עונה.

קבֿר אָבֿות

אין מזרח גייט די זון שוין אויף,
כאָטש אײַנגעהילט אין נאַכט איז נאָך אינגאַנצן דער אַרום,
אין מיר ראַנגלט זיך דער אויפֿגאַנג מיט דער נאַכט.
ווי שטענדיק אין מײַן שווערער שעה ווענד איך זיך צו דיר.

געווען בין איך דאָרט ווו איך האָב געגאַרט צו זײַן.
כאָטש מיט די פֿינגער אָנטאַפּן, באַרירן מיט די ליפּן.
אײַנאָטעמען דעם ריח פֿון דער ערד וואָס דעקט זיי אײַן
און בלײַבן שטיין פֿאַרשטומט און שווײַגן.

נאָכן אויסלייגן די קווייטן,
נאָכן אָנצינדן די ליכט,
אַרום די גרויסע צוויי קוואַדראַטן
האָבן וועוועלע און סרוליק

געבראַכט אַ סידור מיר צו טראָגן,
איך זאָל קדיש זאָגן.
קדיש,
נאָר וויפֿל אויף אַ מאָל קען מען קדיש זאָגן?
מורמל איך די תּפֿילה, נאָך און נאָך אַ מאָל.

— און, כ׳בעט בײַ אײַך מחילה
פֿאַר נישט וויסן אַפֿילו
אײַער צאָל.

מײַן מאַמעס פֿאַרטראָנקענער קבֿר

צום קבֿר מײַן מאַמעס נישט געקענט זיך דערקלײַבן,
פֿאַרטראָנקען איז ער מיטן שטעטל אין אײנעם,
דער זכר מײַן מאַמעס וועט אויף תּמיד פֿאַרבלײַבן,
איר צדקות, איר שײנקײט, איר נאָמען.

איך שטײ אויפֿן באַרג קוק אַראָפּ אין דער נידער,
ס'וויגט זיך אין שימער די זון אינעם וואַסער,
די קלאָג־ווערבערס הענגען אַריבער די ברעגעס,
און שפּיגלען זיך אינעם לויטערן וואַסער.

רויִק און שטיל איז, שטיל ווי אין אַן אויער,
כאָטש די פֿײגעלעך צווישטשען און לאָזן זיך הערן,
אָט טויכט אויף אַ פֿישל און שפּרינגט באַלד קריק אינעם וואַסער,
אָט שווימט אָן אַ קאַטשקע מיט אַ לאַנגער שורה קינדערלעך אירע.

שווימען זײ אפֿשר איבערן קבֿר מײַן מאַמעס?
צי אפֿשר גאָר איבער דער שטוב,
איבער מײַן אָרעמער הײם,
וווּ געיתומט, געטרערט, און געפֿרײט
זיך אײנצײַטיק
אין אײנעם מיט מײַן אײגן
מיט מײַן אָרעם געביין.

קומסט צו מיר

פֿון די ווײַטסטע מקומות, פֿון די פֿאַרהוילנסטע ערטער,
אײַלסטו צו מיר און קומסט מײַן באַגערטער.

פֿרייען זיך די ווײַטן, די סעדער און גערטנער,
מיט דײַן אײַלן צו מיר, מיט דײַן קומען, באַשערטער.

אַ פֿריידיק צעפֿלאַטערטע אין דערוואַרטונג, בײַם פֿענצטער,
קוק איך אַרויס אויף דײַן קומען מײַן לעבן, מײַן שענצטער.

ס'ציִען זיך דינינקע פֿעדעמלעך צאַרטע,
פֿאַרפֿעדעמט האָסטו זיי אין מײַן האַרץ אין באַצערטן.

זיי פֿלעכטן זיך אויס ווי מיידלשע צעפּ
און וויקלען מיך אײַן אין אַ בענקשאַפֿט געוועב.

ס'איז גוט צו דערמאָנען, גוט צו געדענקען,
צו זען דיך מײַן חלום, און נישט אויפֿהערן בענקען.

ביסט דאָ

ס׳צאַנקט און ס׳לעשט זיך אַלץ אַרום מיר,
ס׳פֿאַרמאַכט און ס׳פֿאַרהאַקט זיך אַ טיר נאָך אַ טיר,
די נאַכט ווערט אַלץ לענגער, לענגער אָן שיעור.
ס׳ווערן אָבער קורצער די וועגן צו דיר.

אין דער שקיעה איבערן האָדסאָן גייסטו אויף
און ביסט דאָ.
איך ווייס אַז אויך אינעם אויפֿגיין פֿון דער זון
ביסטו דאָ.
ווערט גרינגער צו טראָגן די לענג פֿון דער נאַכט,
פֿון באַריר, פֿונעם בליק נאָר פֿון דײַן אויג וואָס באַוואַכט.

ווער קען עס לייקענען און מאַכן צו נישט?
דײַנע טריט זײַנען עדות
דיין קוק אַ געמיש
פֿון פֿלאַטער אין מיר, פֿון בענטשן די שעה
וואָס געוועזן ביסט מיט מיר
און ביסט דאָ,
און ביסט דאָ.

אין לײַכטן געמיט

אַ בוים אין אָסיען

שטייט אַ בוים אַ נאַקעטער
ציטערט ער פֿון קעלט.
שמײַסט דער רעגן, בלאָזט דער ווינט.
פֿון די צווײַגן טריפֿן טרערן.

אויך דער הימל וויינט.

ווילט זיך מיר אים טרייסטן
האָב איך נישט דאָס וואָרט
וויל איך אים אַרײַנעמען, דערוואַרעמען
נאָר ער רירט זיך נישט פֿון אָרט.

טראַכט איך און איך קלער
אַז איידער וואָס און איידער ווען
וועט דער פֿרילינג זיך באַווײַזן
ער וועט היילן, ער וועט טרייסטן
און דעם אומעט אים פֿאַרטרײַבן.

איז אפֿשר גאָר דער שלאַקסרעגן
וועלקאָמען ווי אַ גאַסט
די פֿאַרטרערטע צווײַגן טריפֿנדיק און נאַס
זײַנען אפֿשר גאָר צופֿרידן.

טו זאָל בעסער בלײַבן ווי געווען
זיך פֿרייען מיט דײַן צעבלי אין פֿרילינג
דאָס שפּירן און דערפֿילן דאָס אָנקומען פֿון אָסעין
שותּפֿים לאָמיר בלײַבן ברודער־בוים
יאָ! זאָל בלײַבן ווי געווען.

די קאַפּעליע

העננגט אַ כמאַרע, פֿאַלט אַ שאָטן
און דאָס ווינטעלע בלאָזט און בלאָזט.
ס׳צעשויבערט שטילע גראָזן
חוזקט אָפּ און לאַכט זיך אויס.

יאָגט אַ העזעלע קורץ־נעזעלע
און דאָס קראָליקל נאָך אים
דאָס יונגע פֿייגעלע שאַרף־אייגעלע
דרייט דאָס קעפּעלע הין און קריק, גיט זיך אַ הייב
און לאָזט זיך פֿליִען.

וואָרקען טײַבעלעך, מעקען ציגעלעך
לויפֿן קינדערלעך זיי אַקעגן,
מישן זיך מיט פֿרייד מיט געלעכטער
אַ געמיש פֿון ייִנגעלעך מיט שעפּעלעך

מיידעלעך און ציגעלעך
אוי, אוי פֿעטער עליע
ס׳איז אַ ווונדער
אַ קאַפּעליע.

קינדער

דער טאָג אַזאַ צעהעלטער,
דער הימל לויטער בלוי,
זענען קינדער אויפֿגעלייגט
און פֿרייען זיך אַזוי.

יאָגן זיך די קינדערלעך
נאָך אַנטלויפֿנדיקן האָז,
איבער זיי די בערגעלעך
אונטער זיי דאָס גרינשמעקנדיקע גראָז.

לויפֿט אין גאַלאָפּ דאָס ציגעלע,
יאָגט זיך יאַנקעלע נאָך איר.
בײַ אים צוויי קליינע פֿיסעלעך,
דאָס ציגעלע האָט פֿיר.

בלײַבט יאַנקעלע פֿון אונטן,
דאָס ציגעלע עט ווײַט.
הענגט טרויעריק זײַן ליפּעלע
די אייגעלעך פֿאַרטאַיעט.

קערט זיך אום דאָס ציגעלע
און מאַכט צו אים אַזוי:
ווייסטו דען נישט חבֿרל אַז צוויי און צוויי איז פֿיר?
ווי זשע קענען אָנהאַלטן צוויי פֿיסעלעך מיט מיר?

איז שוין גלײַכער יאַנקעלע, ס׳זאָל בלײַבן פּונקט ווי פֿריִער
דו מיט דײַן שאַרף קעפּעלע, און איך מיט פֿיסלעך פֿיר.
ס׳איז אַזוי געבליבן, ס׳וועט אַזוי שוין זײַן,
ייִנגעלע און ציגעלע געבליבן זײַנען פֿריינד.

געשריבן 1988.

מיר יאָגן זיך

(קינדער שפּיל)

איך פֿאָר אַרום פֿון אָרט צו אָרט,
אָט בין איך דאָ, אָט בין איך דאָרט,
דאָס איבערגעקערטע בענקעלע מײַן וואָגן,
דאָס ציגעלע — מײַן פֿערד.

איז די שטוב קליין און ענג
פֿאָרן מיר אונטער טיש, אונטער בענק,
זאָל אונדז קיינער נאָר נישט שטערן
וועט מײַן ציגעלע אַן אָדלער ווערן.

און זיך יאָגן צו די כמאַרעס
און זיך טראָגן צו די גאַרעס,
מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם,
מיט פֿאַרבלענדטן אויג.

יאָגן מיר זיך העכער, ווײַטער.
קומט אַקעגן אונדז אַ רײַטער
אַ שאָקל מיטן קאָפּ און אַ הייב די האַנט
אַ גוט מאָרגן!
אַ גוט מאָרגן!
דיר מײַן פֿרײַנד.

ים און הימל

בויטעט זיך דער ים היינט
בושעוועט און שוימט זיך,
דער הימל גרוי פֿאַרברוגזט
הענגט נידעריק און נויגט זיך.

קומט דער ים צום הימל
מיט טענות און תּרעומות:
וואָס האַלסטו זיך אין גרויסן
און מאַכסט פֿון זיך אַ צימעס?

פֿאַרברויגזט זיך דײַן פּנים
פֿאַרבסטו מיך אויף גרוי,
לייטערט אויס זיך דײַן געמיט
דערלויבסטו מיר מײַן רו, מײַן בלוי.

מיט וואָס ביסטו אַזאַ יחוס?
מיט וואָס וויכטיקער פֿון מיר?
אַז אַלע גאָטס באַשעפֿענישן
קומען גאָר פֿון מיר.

אויך איך בין דער בראשית,
אויך איך בין דער ויהי,
טאָ גיב נישט קיין באַפֿעלן
און שפּאָר זיך אײַן די מי.

רופֿט זיך אָפּ דער הימל
און זאָגט צום ים אַזוי:

נישט איך מײַן ברודער ים
פֿאַרב דײַן בלוי אויף גרוי.

ס'דאַמפֿן זיך דײַנע וואַסערן
און הייבן זיך צו מיר
פֿאַרשטעלן זיי מײַן בלוי וואָס שפּיגלט זיך אין דיר.
פֿאַרשטייסטו שוין מײַן פֿריינד?
טאָ נישט כּעס זיך מער אויף מיר.

וואָס וואָלסטו גאָר ווען
ס'זאָל שטענדיק זײַן נאָר בלוי?
ווי אומעטיק ס'וואָלט ווערן
ווען ס'זאָל טאַקע זײַן אַזוי.

דאָס וויכטיקע מײַן חבֿר ים
האָבן מיר ביידע גאָר פֿאַרזען,
דו שטעלסט זיך פֿאָר אָן דײַנע כמאַרעס
וואָס סע וואָלט געווען?

אַלץ וואָלט געוויאַנעט,
אַלץ וואָלט געוועלקט,
נאָר זיי, דײַנע כמאַרעס
טרינקען אָן מיט שפֿע — זעט די וועלט.

טאָ קלאָג נישט אויף דײַן דאָליע
ביסט שיין, ביסט מעכטיק,
ביסט דער גרעסטער גבֿיר.
דאַנקען דאַנקט דיר יעדעס גרעזל,
יעדעס בלעטל, יעדער בוים און מענטש
פֿאַר דעם לעבן וואָס אין דיר.

זײַן אַ ליד

כ׳האָב ליב די כמאַרעס אויפֿן הימל,
כ׳האָב ליב זייער שטילן, גרינגן גאַנג.
איך גיי זיי נאָך פֿוסטריט מיט מײַנע אויגן
כ׳קוק זיי נאָך מיט קנאה שעהען לאַנג.

אָט יאָגט זיך אַ פשוט פוכקע כמאַרע,
לחלוטין פֿרײַ פֿון פֿאָרם, פֿון געשטאַלט,
און אין אַן הרף־עין ווערט פֿון איר אַ רײַטער
אין גערעג איבער באַרג און וואַלד.

אָט שווימט אַרויס אַ באַרג פֿון שניי
אָט ווערט פֿון אים אַ קרײַז,
אָט זע איך קינדער אין אַ ראָד
שלום עליכם אין זײַן שפּרײַז.

איך וויל אויך אַ כמאַרע זײַן,
יאָגן זיך, טראָגן זיך, און נישט ווערן מיד.
כ׳וויל זײַן אַ ציגעלע, אַ פֿייגעלע, אַ פֿלאַטערל.
אָבער נאָך מער ווי אַלץ וויל איך זײַן אַ ליד.

כמאַרעס

כמאַרעס טײַערע, גייט זיך אײַער וועג.
פֿאַרשטעלט נישט מער דעם הימל,
פֿאַרטונקלט נישט די טעג.

ווען די ערד איז דורשטיק, פֿאַרשמאַכט,
און לעכצט נאָך אײַך,
קומט איר, טרינקט אָן די ערד בשפֿע,
בענטשט אײַך ערד, בענטשט אײַך קינד און קייט.

נאָך אײַער אָנטרינקען די ערד, נאָכן אויסלעשן דעם דורשט,
קומט די זון און וואַרעמט אויס,
גייט זשע טאַקע כמאַרעלעך אַהין,
ווּ מ׳קוקט אויף אײַך אַרויס.

נאָר געדענקען געדענקט,
זיך אומקערן צו אונדז אין צײַט.
ווײַל ווי ס׳בענקט דאָס האַרץ נאָך ליבשאַפֿט,
אַזוי לעכצט די ערד נאָך אײַך.

פֿאַרבן און ריחות

רעגן קאַפּעט פֿון די דעכער,
וואַקסן גראָזן העכער, העכער.
קומט די זון און וואַרעמט אויס,
קומען בלימעלעך אַרויס.

איינס אַ ווײַס, איינס אַ בלויס,
די גרעסערע, די רויטינקע, אַ רויז,
גיט אַ בייג זיך צו דער שכנטע דער קליינער
צום בלימעלע דעם געלענקן דעם שיינעם.

קומט אויף אַ רעגנבויגן פֿון פֿאַרבן און פֿון ריחות.
קומען בינעלעך צו פֿליִען, לויפֿן אָן צוויי האָזן,
בייגן זיך די קעפּעלעך פֿון קווייטן און פֿון גראָזן.
קומט, אָפּן שטייען פֿרײַנדעלעך פֿאַר אײַך אַלע, אַלע שליוזן.

ווען געזעטיקט מיט בלומען־ריח
מיט בלומען־זאַפּט ס'זײַנען שוין די בינען,
צעשפּרייטן זיי די פֿליגעלעך
און ווערן באַלד
אַנטרינען.

קיך מכשירים

זאָגט דאָס טעפּל צום שײַנענדיקן טשײַניק:
דיר איז גוט מײַן פֿרײַנד,
דו ווייסט פּאָרויס געננוי
וואָס ס׳ווערט פֿון דיר דערוואַרטעט.

קיינער מאָנט פֿון דיר קיין סך נישט.
אויפֿגעזאָטן איז דהיינו.
האָסט שוין דײַן חובֿ באַצאָלט.
גאָר אַנדערש איז עס גאָר מיט מיר.

איך קאָך, איך זיד, ס׳איז קיין מאָל נישט גענונג.
אַ העליש פֿײַער אונטער מיר, בראָט און ברענט ביזן ביין.
טרעפּט און די בעל־הביתטע פֿאַרגעסט זיך, לאָזט מיך איבער
איינער אַליין
פֿאַרעט זיך אויס יעדער טראָפּן חיות,

כ׳ווער באַפֿאַרבט מיט אַ טונקל ברוינער פֿאַרב,
אין אַן הרף־עין שלאָגט שוין פֿון מיר מיט רויך, ריחות.
איך ווער שוואַרץ פֿינצטער ווי די נאַכט.
פֿון אַ קעגנדיקער וואָנט רופֿט זיך אָן דאָס פֿענדל:

גערעכט ביסו פֿרײַנד טעפּל, אַוודאי איז דיר נישט גרינג,
אין דיר אָבער קאָכט אַלץ אויף וואַסער, אין מיר נאָר פּוטער,
בוימל, שמאַלץ,
ס׳גליט און בריט ווי דאָס פֿײַער פֿון גיהנום, אָבער דערזע איך
נאָר דאָס צעשטראַלטע קינדערישע פּנים

בעת מ'דערלאַנג צום טיש אַ קאָטלעטל, אַ בלינצל צי אַ
קניש,
ווערט דער גלי, דער ברי אַלץ לינדער.
טו אַ טראַכט פֿון דעם מײַן פֿרײַנד, וועט דיר אויך ווערן
גרינגער.

טויבן

אויפֿן וועג צום האָדסאָן בײַם שטיינערנעם פּלויט
שפּאַצירן זיך טײַבעלעך געמיטלעך,
און פּיקן, פּיקן קרישקעס ברויט.

בשכנות צו זיי שטייט אַ זקן אַ מילדער,
אַ צעשמייכלטער פֿאָלגט ער נאָך זײַנע טויבן.
ווי אייגענע לײַבלעכע קינדער
פֿאָלגט ער זיי נאָך מיט די אויגן.

דער קרײַז פֿון די טויבן ווערט וואָס אַ מאָל גרעסער,
זיי פֿליִען זיך צונויף צו דער סעודה,
קיינער פֿון זיי איז נישט ערגער נישט בעסער,
אַלע פּיקן די קרישקעס מיט הנאה, מיט התמדה.

טויכט אויף אַ געדאַנק מיט אַ שאלה איינצײַטיק;
צוקוקנדיק זיך צו די וואָרקנדיקע טויבן,
מיט וואָס זײַנען מיר ווייניקער? מיט וואָס זײַנען מיר קלענער?
פֿאַרוואָס קענען אויך מיר נישט פּיקן
אונדזערע קרישקעס
אין איינעם
ווי די טויבן?

זאַנגען ווייץ

זאָגט אַ זאַנג צום שכן זײַנעם:
גוט איז אונדז מיר זײַנען זאַנגען.
דורשט אונדז, קומט דער רעגן טרינקט אונדז אָן.
די זון גיסט מיט קראַפֿט אונדז אָן,
ערד נערט מיט זאַפֿט אונדזערע וואָרצלען.
מיר ציִען זיך צום הימל, צײַטיקן און וואַקסן,
אונדזערע קערנער פֿולער, רײַפֿער ווערן.
בעטן דאַרפֿן מיר שכן ליבער
ס'זאָל אונדז נאָר נישט פֿאַרשטערט ווערן.

רופֿט זיך אָפּ זײַן חבֿר זאַנג:
גערעכט ביסטו, גערעכט מײַן חבֿר שכן.
נאָר פֿאַרזען האָסטו אַ סך פֿון אונדזער שפֿע, אונדזער מזל
ברכה.
ווּ נאָך זעסטו אַזאַ פֿאַרב, אַזאַ בלאָנדן צויבער?
ווען דאָס ווינטעלע גלעט אויס און פֿאַרקעמט אונדז דעם
צעשויבער.

ס'כוואַליעט אויף אים מיט גאָלד.
מיניעט זיך אין שימער,
קיין עין הרע, קיין גוט אויג,
אויף אייביק נאָר אָן דאגות און אָן קימער.

הערט זיך אונטער קוקוריזע
און קאָרטשעט זיך פֿון רוגזה,
הער אַן עזות, הער אַ חוצפּה!
נאָר זיי זײַנען בלאָנד, שיין, און מיט אַלע מעלות.

אויף אייגענע פֿיס שטיין קענען זיי נישט
איינס ס'אַנדערע מוז אונטערשפּאַרן
ביז מ'באַקומט פֿון זיי עפּעס
מוזן זיי אָנצאָליק צעמאָלן ווערן.

זעט ווי מיר קוקוריזעס,
שטאַרקער שטאַם, שיין און שטאָלץ,
יעדער יחיד אַ יש, יעדער קאָטשען אַ מאכל.
ווער קען זיך פֿאַרגלײַכן מיט אונדז אין ראַנג?
דאַנק איך דיר טאַקע גאָטעניו
שלא עשׂני זאַנג!

גרינע טרויבן

גרינע טרויבן, קאַרשן רויטע,
אין מײַן גאָרטן, אין מײַן סאָד,
שיינע שעהען, ליב געגאַרטע
דרייען מיך פֿריידיק אין אַ ראָד.

דרייט זיך וועלט און איך אינמיטן,
ס׳פֿאַרדרייט זיך אַזש דער קאָפּ,
וועמען אַרט עס? וואָגן, שליטן,
אַבי די פֿערד אין אַ גאַלאָפּ.

גרינע טרויבן, קאַרשן רויטע
זיסלעך ווינציק אַ גן־עדן
לויפֿן אין די בערג די הויכע
מיט גרינע טאָלן אונדז אַנטקעגן.

אין טײַכעלע, אין טאָל
שפּרינגט אַ פֿישעלע אַרויס.
כאַפּט אַ קוק און שפּרינגט באַלד קריק.
אַ שפּיל אַזאַ בײַ איר ווײַזט אויס.

גרינע טרויבן קאַרשן רויטע
אין מײַן גאָרטן, אין מײַן סאָד,
שיינע שעהען ליב געגאַרטע
דרייען מיך פֿריידיק אין אַ ראָד.

געוויין פֿון הונגעריקן קינד

געוויין פֿון הונגעריקן קינד
פֿאַרבט דאָס גרינע גראָז אויף געל,
בלאָס און בלאַסער ווערט דער רעגנבויגן,
בייזער בער שוין אויפֿן שוועל.

ווערט דאָס קינד שוין מיד פֿון וויינען
פֿאַלן אויגנדעקלעך צו.
יאָגט באַלד אָן דער פּיפּערנאָטער.
דאָס ווײַסע ציגעלע איז מער נישטאָ...

וואַשן טרערן מאַמעס פּנים
און דאָס ליכט ציט זיך איַין
שפּרייט זיך אויס אַ טוך אַ שוואַרצע
און אויפֿן געל־פֿאַרשטײַפֿטן פּנימל
פֿאַלט אַ
בלײַכע
שײַן.

ביימער און קינדער

אין אַ שטעטעלע בײַם עסטער (דניעסטער)
ווו די בערג צום הימל ציִען,
געלעבט האָבן צוויי דריוונע שוועסטער
זאַנגען צוויי אין בליִען.

האָט אַ שטורעם אויסגעבראָכן
און די עלטערע פֿאַרטראָגן,
איבער ימ'ן און מדבריות
נישט צו דערגרייכן, נישט צו דעריאָגן.

די צווייטע, אַ פֿאַרבענקטע,
האָט דעם פֿאָדעם אַליין געצויגן,
ביז ס'האָט אַ כליאַפּ געטאָן די כוואַליע די פֿאַרסמטע,
פֿאַרטראָנקען, פֿאַרסמט, און געיאָגט זיך פֿײַל פֿון בויגן.

וואָס ווײַטער ס'איז געוואָרן
ווילט איר וויסן ליבע קינדער?
נאָך נישט קיין פֿולע פֿופֿציק יאָרן
און די כוואַליע שוימט שוין ווידער.

וואָס זשע טוט מען
צו פֿאַרהאַלטן די כוואַליע? פֿרעגט איר ווידער,
צו פֿאַרזיכערן דאָס וואַקסן
פֿון די ביימער, פֿון די קינדער.

וויגט די שאלה זיך אין איינעם
מיטן מאָרגן פֿון די קינדער
אַ שווערע הלכה צו באַשטימען
לאָזן וואַקסן ביימער, קינדער...

באַרג אין קאַיאָר

הײַנט האָט זיך דער באַרג באַוויזן
גאָר אין אַן אַנדער פֿאָרם,
פֿאַרשלייערט אין אַ געדיכטן נעפּל
אַ סודותדיקער טורעס.

ערשט מיט שאַרעיען אויף טאָג
הייבט זיך פּאַמעלעך דער נעפּל,
ציט זיך אַרויף, אַרויף.
באַפֿרײַט דעם באַרג פֿון דער נאַכט.

די קאָנטורן נאָך נאַכטיק, פֿאַרקײַלעכדיקט, רונדיק,
די שפּיצן אָפּגעשלײַפֿט.
די פֿאַרב ווערט אַלץ העלער, בלויער,
אויפֿן הימל פֿאַרב.

אויסגעטאָן פֿון נאַכטיקן שלייער
שטרעקט זיך דער באַרג אַרויף אין זײַן פּראַכט.
נעמט אָן דעם ניכטערן טאָגיקן אויסזען
בלײַבט שטיין,
מאַיעסטעטיש
די סאַמע אייביקייט
אַליין.

אָסיען

געשטעלט האָט זיך דער אָסיען פֿרי דאָס יאָר.
אַרײַנגעריסן האָט ער זיך גאָר פּלוצים.
צעשטורעמט יעדן בוים, צעשויבערט יעדע קרוין,
און דונערדיק געקוועלט פֿון זײַן אָפּגעטאָענעם שפּיצל.

שינדן ווינטן שטרוי פֿון דעכער בייז.
ווי טרערן פֿון אַ קינדס פֿאַרווייניטן פּנים פֿאַלן בלעטער.
מישן זיך מיט שטרוי אין געוויכער קרײַז
און קרייזן זיך, און הייבן זיך אַלץ העכער און אַלץ העכער.

שטערן אָנגעשפּאַרט אין שויב
שטיי איך שטום אין פּײַנלעכן באַוווּנדער.
נעם מיך שטורעם מיט זיך אַהין, כ'ווייס נישט וווּ,
כאָטש בענקען בענקט זיך גאָר נאָך רו,
נאָר פֿאַרקנסט בין איך צו דיר, פֿאַרגורלט שטורעם אומרו.

1988

אַ שמייכל

פֿאַרכמאַרעט זיך דאָס האַרץ,
צעשפּילט דער עלנט זיך
אויף אַלע טונקעלע מינאָרע טענער זײַנע,
טרײַבט די שטוב פֿון זיך.

די גאַס זשומעט מיט פֿאַרטויבנדיקע קולות,
ס'יאָגט זיך פּאָליציי נאָך פֿאַרברעכער פֿון געזעץ,
ס'יאָגט די גיכע הילף און קוויטשעט "פּנו דֶרֶך"!
דאָס עקבויערן דעם שטיינערנעם באָדן מיטן
שראַפּנציר מכשיר
דערגענצט שוין די קאַפּעליע.

איך וואַרט אויפֿן אָפּשטעל פֿון דער קייט מאַשינען.
דאָס האַרץ וויינט און פֿרעגט: "צו וואָס?"
מיט אַ מאָל אַ וואַרעם קול רופֿט מיך אָן בײַם נאָמען,
און אַ שמייכל, אַ ליבער שמייכל פֿון אַ פֿרײַנד.

פֿרײַנד מײַנער ועסט קיין מאָל גאָרנישט וויסן,
וואָס דײַן ליבער שמייכל האָט אויפֿגעטאָן פֿאַר מיר.
צעטריבן די פּײַנלעך נאָגנדיקע שאלות
פֿאַרביטן מיט אַ יאָ.
יאָ,
ס'איז
כּדאי!

אַ משל — בוים און אָדלער

געיאָגט האָט זיך אַ הירשעלע
פֿון אָדלער צו אַנטרינען.
האָט דער אָדלער זיך צעבעריעט
און אין געפֿלעכט פֿוןביימער אים געפֿונען.

רופֿט זיך אָפּ דער בוים:
וואָס פֿאַר אַ גרויסער אויפֿטו
פֿאַרן קעניג פֿון די פֿייגל, מיט זײַנע חלף שאַרפֿע אויגן,
צו דעריאָגן אַ נפֿשל וואָס האָט
אָקערשט פֿון מאַמעס טראַכט זיך אַרויסגעצויגן.

ענטפֿערט אָפּ דער אָדלער און מאַכט צום בוים אַזוי:
ווייל איז דיר בוים גרויסמוטיקער און מילדער
אין מוסר־רייד קיין מאַנגל חלילה נישט בײַ דיר,
צי קומט דיר אויס אַ מאָל צו זאָרגן פֿאַר ברויט פֿאַר דײַנע
קינדער?

גוט איז דיר, באַזאָרגט ביסטו מיט מזל און מיט ברכה.
טוסט פֿון אָרט זיך נישט קיין ריר
אַלץ איז גרייט פֿאַר דיר און פֿאַר דײַן גאַנצענער משפּחה.
ערד, זון און רעגן זאָרגן שוין פֿאַר דיר.

גרינג דיר זײַן אַ צדיק, אַ בעל יושר,
אַ סאַמע ראָדנער שופֿט.
קוק זיך בעסער אײַן וועסטו זען, פֿאַרשטיין,
אַז וואָס ס'איז עוולה'דיק פֿאַר אהרן
איז יושר'דיק פֿאַר משה'ן.

אַ וויכּוח

אינעם רחבֿותדיקן חדר שטייט אַ גרויסע שאַפֿע,
אויסגעטאָקט און אויסגעשניצט ווי אַ שיינע האַרפֿע.
איר פֿאַרב איז האָניק, אירע פּאָליצעס מיט ספֿרים.
שמייכלט זי און גודערט זיך ווי אַ שטאָלצער טורעם.

פּונקט אַקעגן, אינמיטן חדר, שטייט דער לאַנגער טיש, דער ברוינער,
פֿון אַלע זײַטן אין אַ סדר, הויכע שטולן ווי די ביימער.
פֿרעגט דער טיש בײַם שכן זײַנעם, בײַם שטול וואָס שטייט בײַ אים צוקאָפּנס:
וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרכמאַרעט? פֿון דיר קאַפּעט אומעט פֿולע טראָפּנס.
ענטפֿערט אים דער שטול:
ס'איז דיר גאָר אַ חידוש? האָסטו אַ מאָל אַ קלער געטאָן
פֿאַרוואָס קומט איינעם אַלץ און דעם צווייטן אַפֿילו נישט קיין שיבוש?

אויף דיר זײַנען אָנגעהויפֿנט ספֿרים, אַרום דיר זיצן די בני תּורה.
לערנען און מ'פֿירט וויכּוחים.
איך, נישט מער ווי אַ זיץ־אָרט פֿאַרן געזעס פֿון די למדנים.
ווּ איז יושר?
אַ ביסל אײַנזען אויך פֿאַר מיר,
מיר זײַנען דאָך פֿון איין האָלץ געשניצט.
פֿאַרוואָס זשע אַזאַ אומכּבֿוד פֿאַר מיר?

טוט אַ בליץ דער בליצלאָמפּ און מאַכט צום שטול אַזוי:
נישט אין ראַנג און נישט אין סטאַזש

ליגט די חשיבֿות דײַנע, נאָר אין דיר אַליין מײַן פֿרײַנד,
שטעקט דער כּבֿוד דײַנער.

דאָס חדר קלערט גאָר אויף אַליין:
— די שיינקייט מײַנע קומט פֿון יעדן איינעמס חלק ווי גרויס
אָדער ווי קליין —
אַנו, נעם אַוועק די שטולן, דעם לאָמפּ, אָדער דעם טיש,
וועסטו באַלד דערפֿילן אַז עפּעס איז נישט, נישט.

נאָר די שותּפֿות, דאָס אין איינעם,
שאַפֿט האַרמאָניע, שיינקייט, פֿרייד,
מיט דרך־ארץ פֿאַר יעדן איינעם
ועל כּולם פֿאַר זיך אַליין.

אַ וווּנדער, אַ נס

"הײַנט געשען נישט קיין נסים, געשען נישט קיין וווּנדער",
אַזוי זאָגן קינד־און־קייט.
איך הער זיך צו און שווײַג
כאָטש וויסן ווייס איך, אַז ס'איז נישט אַזוי.

איך זע נסים טאָג־אײַן טאָג־אויס.
אָט זע איך, ווי ס'בייגט זיך אײַן דער פּוס בײַם גיין.
און גלײַכט זיך אויס בײַם בלײַבן שטיין.
איך זע אין דעם אַ וווּנדער, איך זע אין דעם אַ נס.

צעשמייכלט זיך דאָס זויגלינג,
צעפֿינקלען זיך די שטערן.
שײַנען אויף מאַמעס אויגן
אָנגעפּילט מיט טרערן.

איך זע אין דעם אַ וווּנדער, איך זע אין דעם אַ נס.

לאָזן זיך בײַם קינד אַראָפּ
די אויגן־דעקלעך,
שפּרייט זיך באַלד אַ רו פֿון וויגעלע,
ווערט אָנגעפּילט די וועלט
מיט שטילקייט און מיט רו.
און בײַם קינד צוקאָפּנס
באַווײַזט זיך באַלד דאָס
ווײַסע ציגעלע...

איך זע אין דעם אַ וווּנדער,
איך זע אין דעם אַ נס.

אַ בוים

אין געפּלעכט פֿון וואָרצלען
אין געוועב פֿון צווײַגן,
שטייט אַן אַלטער בוים אַ שטאָלצער,
און שפּרייט זײַן רו, זײַן שטילן שווײַגן.

פֿייגל נעסטלען זיך אין זײַן צעבלעטער,
זײַנע צווײַגן — אויסגעשטרעקטע הענט.
זיי רופֿן: קומט, ליבט זיך, פּאָרט זיך, מערט זיך,
אָרט איז דאָ פֿאַר נאָך און נאָך.

צו פֿריידיקע באַגעגענישן איז דער בוים אַן עדות.
סודות האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך אָן שיעור
פֿאַר די יונגע ליבשאַפֿטן אַן אַנטרינונג איז ער.
פֿאַר זייערע צאַפּלדיקע גלוסטענישן
אַ באַהעלטעניש,
פֿון נישט געוווּנטשטן אויג און אויער.

כ׳בין דעם בוים אַזוי מקנא
מיט זײַן שטילער גבֿורה, מיט זײַן שטאָלצן שווײַגן,
מיט זײַן אַקעגן טראָגן רו,
דעם בלאָנדשענדיקן
דעם מידן גייער.

די הוידעלקע

הין און קריק הין און קריק,
ביידע הענטלעך אויף די שטריק
פֿלי איך הויך פֿלי איך העכער
איבער שטיבער איבער דעכער.

הין און קריק הין און קריק
ביידע הענטלעך אויף די שטריק.
אין דער הייך און אין דער נידער
בין איך ווײַט און נאָענט ווידער.

הין און קריק הין און קריק
ביידע הענטלעך אויף די שטריק
אָט אַרויף און אָט אַראָפּ,
דרייט זיך אַזש פֿון פֿרייד דער קאָפּ.

הין און קריק הין און קריק
ביידע הענטלעך אויף די שטריק,
זאָל דער טאַטע נאָר נישט שטערן
נעם איך אָן אַ זשמעניע שטערן.

ברענג זיי אַלע אַלע אַהיים
וועט ווערן ליכטיק, ווערן שיין.
ווען זיי וועלן זיך צעפֿינקלען
וועט זײַן אַ פֿרייד
אין אַלע ווינקלען.

אַ חלום

ליגט שוין מײַן קעפּעלע
אויפֿן ווייכן קישעלע,
פֿאַרמאַכן זיך די אייגעלעך
צעפֿינקלט זיך דער הימל.

יאָגט אָן אַ שטערנדל
מיט אַ דין גילדן עקעלע.
שטערנדל מײַן חבֿרל
פֿאַרהאַלט זיך אויף אַ ווײַל.

יאָגסט זיך און זעסט גאָרנישט
אַז דײַן פֿרײַנד דײַן חבֿרל
וויל זיך אָנהאַלטן אין דיר,
וויל זיך מיטיאָגן מיט דיר.

דאָס פֿײַער גילדן עקעלע
צעשאָקלט זיך, צעטרייסלט זיך,
אדרבא, חבֿרל קום!
יאָגן מיר שוין ביידע זיך

מיט מיליאַסן שטערנדלעך.
ווער איך אויך אַ שטערנדל
אינעם צעפֿינקלטן אַרום.

יאָרן

ער שפּילט שאָך

הײַנט שפּילט ער שאָך.
בין איך דעם שאָך מקנא,
דאָס זײַן ביז שפּעט אין דער נאַכט
מיט אים צוזאַמען.

פֿאַרקלערט, פֿאַרטראַכט,
דער שטערן אַ פֿאַרקנייטשטער.
פֿאַרזונקען אינם שפּיל
אינם שאָך אינם געבענטשן.

הײַנט שפּילט ער שאָך
רוט אויף אים די שכינה.
האָט זיך מיר געדאַכט: כ'בין אַ טורעם, אַ רײַטער,
אַ קיניגין אַפּילו, און לחלוטין פֿרײַ פֿון קנאה.

איז מיר גוט און פֿריידיק וואָס בעסער קען נישט זײַן.
ביסט אַוודאי דער געווינער. אין דײַנע אויגן נצחון־שײַן —
ניין מײַן פֿרײַנד, ניין!
דער נצחון איז גאָר אין דער שפּיל אַליין.

ס׳קייטלען זיך די טעג

ס׳קייטלען זיך די טעג אין וואָכן,
די וואָכן אין חדשים,
אַנגעסיליעט זיך אַ מענגע יאָרן.
ווען איז דאָס געשען? ווי פּלוצים ס׳איז געוואָרן!

אָט ערשט יונג, ווי פֿרילינג פֿרימאָרגן
פֿריש ווי דער טוי אינעם קאַיאָר,
צווישן אייגענע אין געלעכטער, געפּלאַפּל, זײַן אין אַ ים מיט
רייד.
בלײַבן מיר אַליין, אינצווייען נאָר
נעמט אונדז אַרום אַ טערפּקע זיסע פֿרייד.

יעדער טאָג אַ ברכה, אַ געשאַנק יעדע נאַכט.
איז טאַקע נאָר אַ חלום, נישט מער ווי אַ געדאַכט?
טאָ לאָמיך בלײַבן שלאָפֿן גאָט, נישט אויפֿכאַפּן זיך מער.
בלײַבן אײַנגעהילט אין פֿרייד
און אויף די וויעס מײַנע, אַ הענגענדיקע טרער.

מייַן טאָגבוך

ס׳בלעטערט זיך אויף צוריק
מייַן טאָגבוך, ס׳נישט געשריבענע,
שטעלן זיך אויס אין רייען
די שורות די נישט געשריבענע.

טויכט אויף אַ קראַנץ זכרונות
פֿון יאָרן לאַנג פֿאַרגאַנגענע,
און רופֿט אַרויס געשטאַלטן
פֿון צייַטן אָפּגעגאַנגענע.

ווי היימיש און ווי פֿרעמד
ס׳זייַנען די געשטאַלטן,
ס׳ווילט זיך אָנרירן אַ יעדן
און בעטן זיך פֿאַרהאַלטן.

נאָר פֿון באַריר אַליין אַפֿילו
צעוואַסערט זיך דאָס וועזן,
פֿאַרגייט, און אויס מיט דעם
ווי ס׳וואָלט קיין מאָל נישט געוועזן.

בעט איך זיך פֿאַרהאַלטן,
בעט איך זיי דערקלערן
ווער זעט איר מייַנע אייגענע?
מיט מייַן צעקאַרבטן שטערן.

פֿון מיר אַליין דער ענטפֿער:
דאָס ביסטו אַליין, דייַנע נעכטנס
מיט דייַן פֿרייד און טרערן.

ניו־יאָרק

ס׳וועקט זיך דער ריז
אין קאַיאָר אין פֿרימאָרגן.
ס׳צינדן זיך פֿײַערלעך אין טונקעלע פֿענצטער.
ס׳יאָגן שוין אויטאָס אין שורות צעצויגן.

אין מזרח־זײַט ליכטיקט שוין, די זון קומט שוין אויף.
פֿאַלט אויך איר שײַן אויפֿן האָדסאָן אין מערבֿ,
איז וואָך שוין די שטאָט אין צעבראַזג אין צעשוים
אַ בינשטאָק, אַ נערוועזער האַרץ־קלאַפּ, אַ שטורעם.

נישט געהאָלפֿן מײַן ווערן זיך קעגן דיין שטאָלענעם אָרעם.
מײַן שטעלן זיך קעגן דײַן אַספֿאַלטענער גבֿורה,
דײַן אָטעם דער הייסער וואָס שפּאַרט פֿון דײַנע געדערעם
באַצווינגט און באַהערשט ווי אַ שטורעם.

אַ פֿאַרגאַפֿטע בײַם פֿענצטער
אַן עדות צום ווונדער
ווו געטריבן אַ יעדער צו זײַן מי, זײַן באַרוף,
טרינק איך דײַן אומרו גרויסשטאָט מײַנע,
באַהעפֿט זיך מיט דיר
און בלײַב דײַנע.

דאָ און דאָרט

שטענדיקער זשום פֿון אונטער ערד,
פֿאַרטויבנדיקער רעש פֿון אונטער הימל.
געדאַרפֿט וואָלט איר שוין לאַנג זײַן אין מײַן געמיט
בין איך אָבער מחוץ פֿון אײַך פֿאַרבליבן.

איך באַוווּנדער היים מײַנע, פֿאַר דײַן צעברויזטן ריטם,
פֿאַר דײַנע צעפּלאָמטע זון־פֿאַרגאַנגען איבערן האָדסאָן,
אַ דרויסנדיקע בין איך אָבער סײַ ווי פֿאַרבליבן
און וויג זיך אַלץ צווישן דאָ און דאָרטן.

אָט זע איך אַזוי בולט די טשערעדע שאָף און ציגן,
דאָס קומען זיי פֿון פֿעלד מיט פֿולע אײַטערס.
זייער האַלטן זיך אין איינעם, זייער ריטמישער גאַנג,
אַ וווּנדער־ניגון זינגען זיי אין מיר אַרײַן אַ וווּנדערלעך
געזאַנג.

דײַנע גלאַט־געפּלאַסטערטע שאָסייען,
אַ ברכה פֿאַרן רײַטער, פֿאַרן גייער,
מיר בענק זיך אָבער דווקא נאָך די שטויביקע וועגן, נאָך די
אומעטיקע שניי זאַווייען.
בין איך אַ צעריסענע אויף צווייען.

נעם נישט אָן פֿאַר אומגוט טייער לאַנד מײַנס
פֿאַר אומדאַנקבאַרקייט, פֿאַר געבן מיר אַ היים,
ניין, דו ביסט מײַן ווײַטערדיקער גאַנג.
מײַן יוגנט, מײַן רײַף ווערן, פֿול מיט פֿרייד און פּײַן,

דאָרט, ליגן די קינדער־יאָרן מײַנע, דאָרט וואָרצלט נאָך אַלץ
מײַן אונטערגעהאַקטער שטאַם.
אַוודאי ביסטו שוין אַ לעבן לאַנג מײַן היים.
נאָר דער "דאָרט" איז אין מײַן געביין.
באַשערט ווײַזט אויס מיר צו פֿאַרבלײַבן אַ צעריסענע אויף
צווייען.

ערשטער בליק

ס'האָט אַ גאַנצע נאַכט גערעגנט,
נישט אויפֿגעהערט צו גיסן,
טײַכלעך אויף די װעגן,
װינטן בלאָזן, שמײַסן.

הויך איבער דעכער
איז געבליבן הענגען
אַ געדיכטע כמאַרע,
װי אויף חופּה שטאַנגען.

רײַסט דער טאָג זיך
צום געבוירן װערן,
און בײַם סאַמע ראַנד
פֿאַרגײט דער אײנציק לעצטער שטערן.

אַ שטילע שפּאַנונג צװישן פֿאַרגײן און אויפֿקום.
די נאַכט גײט זיך אונטער
ציט זיך אויף צוריק,
און פֿון דער זון פֿון אונטער באַרג
שײַנט אויף איר ערשטער בליק.

שכנה מײַנע

ערשט נעכטן נישט געקענט דיך,
נישט געהערט דײַן נאָמען
נישט געזען דײַן פּנים.
און שוין ביסטו אַן אײגענע אַ לאַנגסטיקער פֿרײַנד.

גוט איז מיר מיט דיר.
פֿרייד האָסטו געבראַכט.
פֿרייען זיך מײַן שװעל, מײַן טיר
מיט דײַן קומען, טאָג װי נאַכט.

װי זשע דאַנקט מען פֿאַר אַזאַ געשאַנק,
מיט זאָגן סתּם אַ דאַנק?
ניין, מײַן פֿרײַנד, דו מוזט אַליין דערשפּירן
אָן רייד, אָן באַרירן.

נאָר אַן אָטעם זאָל אָנהייבן
— אַלדאָס גוטס דיר ליבע שכנה —
פֿאַר ברענגען פֿרייד מיר,
פֿאַר קומען זײַן מיט מיר אין אײנעם.

רעטעניש

ס׳בעט זיך אַ דערקלערונג
ס׳מאָנט אַ פֿאַרשטיין,
ווי קען איך דאָס דערקלערן
אַז איך פֿאַרשטיי עס נישט אַליין.

ווייסן ווייס איך נאָר
אַז דער שווערסטער פּלאָנטער
דאָס שווערסטע רעטעניש,
דאָס בין איך גאָר אַליין.

איך עפֿן נאָר די אויגן
דערזע דעם צויבער אַרום מיר
און דער וואַכער אויער
כאַפּט אויף אַ דין דינינקן באַריר.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וווּנדער קוואַל?
נישט צו פֿאַרשטיין
נאָר זיכער בין איך זיכער
אַז די סאַמע שווערע רעטעניש בין איך גאָר אַליין.

טרעפֿט ס׳ווייעט אָן אַן אומעט,
פֿאַרבט זיך אַלץ אויף גרוי, אויף אַש,
פֿון קוואַל וואָס האָט ערשט געקוועלט מיט פֿרייד
געבליבן נאָר די שוואַרצע פֿלאַש.

ווי לאָזט זיך עס דערקלערן?
ווער קען עס פֿאַרשטיין?
נאָר פֿילן פֿיל איך און זיכער בין איך
אַז דאָס בין איך אַליין.

קינדהייט מײַנע

קינדהייט מײַנע, שווער געפּרוּווטע,
שטרײַפֿן שאָטן, פּאַסמעס זון,
אַ וווּנדער ניגון אין דער לופֿטן,
באַלד נאָך אים אַ יאָמער טאָל.

יוגנט מײַנע שווער געפּרוּווטע,
פֿרעמדע טישן, פֿרעמדער בליק,
און די בענקשאַפֿט אײַנגעגראָבן טיף אין האַרץ
און ציט, ציט אַלץ אויף קריק.

לעבן מײַנס, זאַט אין יאָרן און זכרונות,
אין חרטות און אין פּײַן,
אויך ליבשאַפֿט און פֿרייד אַ פֿולע מאָס.
כ׳בין נאָך אַלץ באַרוישט

פֿונעם זיסן ווײַן,
פֿון זיסן ווײַן
אין קלאָרן כּוס.

מײַן פֿאָלק

פֿון די גאָר פֿריִע צײַטן, פֿון די סאַמע קדמונים,
האָט געצויגן מײַן פֿאָלק צו די הייכן און רוימען.
געמאָסטן די ימען, געשפּאַנט איבער קאַנטן,
געזאַמלט פֿון חכמה די שענצטע דיאַמאַנטן.

איבער אייגן עשירות זײַן אויג האָט געוואַכט,
געהיט און געוואַכט דורך חושך פֿון נאַכט.
באַפֿרוכפּערט די וועלט מיט אַ שלל פֿון מחשבֿות
מיט חכמה, מיט רחמים פֿון אור אַלטע אָבֿות.

יושר און צדק געשפּרייט אויף די וועגן,
דעם גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון דורות געצויגן,
מאָנט, זעט און דרך־ארץ פֿאַר יעדן איינצלנעם איינעם,
קיין רוט און קיין בײַטש אין האַנט נישט פֿאַר קיינעם.

פֿאַרבלאָנדזשעט ווי ס'מאַכט זיך אין ווילד פֿרעמדע ערטער
ווערט דאָס פֿאָלק מײַנס געשטרויכלט מיט פֿרעמד פֿאַלשע
גערטער,
פֿאַרוואָרלאָזט זײַנע אוצרות, פֿאַרזעען זײַן פֿאַרמעגן,
בלאָנדזשעט מײַן פֿאָלק אויף שטעכיקע וועגן.

מײַן גאָט

רוף זיך אָפּ צו מיר,
איך באַשווער דיך מײַן גאָט,
ביסט אַ גרויסער בעל—חובֿ.
פֿאָלג אויס דײַן אייגן געבאָט.

איך בעט בײַ דיר גאָט
און מאָן עס בײַ דיר!
ווענד זיך נישט אָפּ
פֿאַרהויל נישט דײַן פּנים פֿון מיר.

איך לעסטער דיך גאָט,
איך בעט באַלד דײַן מחילה.
מיט אַ מאָל פֿליסטערט אויף צו דיר
אַ שטילע, אַ פֿאַרשטיקטע תּפֿילה.

איך וויל נאָר פֿאַרשטיין
כ׳וויל נאָר באַנעמען,
כ׳וויל כאָטש נאָר קענען נאָכגיין
מײַן אָרעם, מײַן אָרעם געביין.

איך וויל נאָר פֿאַרשטיין
כ׳וויל נאָר באַנעמען,
כ׳וויל כאָטש קענען נאָכגיין
זען דיך אין שעה פֿון זייער ברענען.

רוף זיך אָפּ צו מיר
איך באַשווער דיך מײַן גאָט.
ביסט אַ גרויסער בעל־חובֿ
פֿאָלג אויס דײַן אייגן געבאָט.

ליד און טרער

דאָס צאַנקענדיק קאַניצל, דאָס גראָשנדיק ליכטל
ליכטיקט וואַרעם ווי זון מײַן געמיט.
די מינדסטע דערמאָנונג, אַ רמז נישט מער
ז׳געַנוג אָנצוהייבן, ז׳גענוג אַרויסרופֿן
די ברכה פֿון ליד, די בענטשונג פֿון טרער.

ווי גוט איז דער חלום אין שעהען פֿון עלנט
ווען אַליינשאַפֿט ווי זשאַווער עסט זיך אײַן אין געמיט,
ס׳טויכט אויף אַ דערמאָנונג, אַ רמז, נישט מער
לייזט אויס פֿונעם עלנט
און בענטשט מיט אַ טרער.

פֿון צאַנקענדיקן קאַנעצל פֿון גראָשנדיקן ליכטל
צעבליצט זיך אַ בליצלאָמפּ און ליכטיקט אַלץ מער,
צעטרײַבט דעם אומעט, דעם טונקל געדיכטן,
בענטשט מיט אַ ליד
און טרייסט מיט אַ טרער.

שפֿע פֿון פֿרייד און אומעט איינצײַטיק
גלעט און גראַבלט מײַן האַרץ, מײַן געמיט.
פֿול איז מײַן כּוס, פֿול און נישט לער מער
מיט ברכה פֿון ליד
מיט טרייסט פֿון אַ טרער.

זאָל בלײַבן ווי געווען

אַ זוניקער, אַ מילדער טאָג געווען הײַנט.
אין ליכט פֿון טאָג געזען דיך אויג אויף אויג.
דערווײַטערט האָט פֿון דיר דער טויט זיך,
צעדרויבלט, און צעקרישלט זיך אויף שטויב.

באַלעבט האָסטו דאָס ווייַנענדיקע האַרץ מײַנס,
דעם רוח חיים אַרײַנגעאָטעמט טיף אין מײַן געמיט,
פֿול מיט דאַנק בין איך ווי מײַן האַרץ מיט ליבשאַפֿט.
גרייט בין איך אויפֿנעמען די פּײַן
פֿון דײַנע דערווײַטערנדיקע טריט.

אַז פֿרעגן מ'וועט פֿרעגן צי פֿאַראַן אין מיר חרטה,
צי וואָלט איך וואָס געביטן
פֿון מײַנע נעכטנס לאַנג פֿאַרגאַנגענע,
וואָלט מײַן ענטפֿער באַלד געווען
ניין, ניין!
איך וויל ס'זאָל בלײַבן ווי געווען.

הלל

נישט פֿון הויכע בערג,
און נישט פֿון טיפֿע טאָלן,
טראָגט דער הלל זיך צו דיר
ליבער גאָט.

פֿון אַ צעבראָכן האַרץ,
פֿון איצט, און פֿון לאַנגסטיקע אַמאָלן,
הערט זיך שירה פֿאַר דיר
און דײַן געבאָט.

מיט קבֿרים האָסטו די וועלט געשטופּלט,
נישט אַרומגעגרויזטע, קיין פּ.נ. אויך נישט.
טראָגט זיך אַ געיאָמער
פֿון די הפֿקר קבֿרים.

אין איינעם מיט דער שירה
פֿאַר דײַן כּבֿוד וועגן
מישט ער זיך,
און מישט.

אין יענע טעג

דער טאָג האָט געיורן מיט שווערע אָנזאָגן,
אויף פּיאה פֿון קאָזאַק געריטן האָט טויט;
געיאָגט האָבן מאַמעס באַהאַלטן די קינדער,
געוויינט האָבן קינדער געבעטן זיך ברויט.

האָבן ביימער געוויגט זיך,
ס'האָבן ווינטן געיאָמערט,
אַלץ נענטער גערוקט זיך האָט
בלענד פֿון דער שווערד.

הילכן דונערן פֿון זאַלפֿן
אַ פֿאַרמעסט פֿון כּוחות "בין חושך לאור"
דאָ ראַנגלען זיך הונגעריק באָרוועסע ייִנגלעך
פֿאַר לעבן פֿון קינד, פֿאַר כּבֿוד פֿון דור.

ווען אײַנגעשטילט ס'האָט זיך דאָס הילכן פֿון זאַלפֿן,
ווען פֿאַרטריבן געוואָרן די בעלי־חושך, בעלי־וויי
אַ ריס געטאָן האָט זיך
פֿון מאַמעשע העלדזער:
אַ דאַנק דיר גאָט
פֿאַר דײַן גנאָד,
פֿאַר דער
רויטער אַרמיי!

דו און איך

װער זאָגט אַז ביסט נישטאָ?
אָט הער איך דאָך דײַן טראָט.
זע דיר אַזױ בולט, אַזױ נאָענט לעבן מיר.
כ׳פֿיל דײַן אָטעם, כ׳הער דײַן קול.
אַפֿילו אינעם שאָרך פֿון פּען אױפֿן פּאַפּיר.

װאָס זשע איז עס דאָס נישט זײַן?
װער באַשטימט װער ס׳איז, און װער ס׳איז ניט?
דו ביסט פֿרייד, דו ביסט פּײַן,
אָט װײַזטו מיר דעם װעג און גייסט גאָר מיט מיר מיט.

װער צעקרישלט אױף קרישקעלעך דאָס זײַן?
װער באַשטימט אַז דאָ איז יאָ און דאָרט איז ניט?
ס׳איז דאָך גאָר אַ ראָד, אַ רייף, אַ כּישוף־קרײַז
דו און איך מײַן ליבסטער אין דער סאַמע מיט.

איין אָטעם

זיך אײַנגעקוקט אין זײַנע אויגן
און דערזען די גאַנצע וועלט,
האָב איך אויף גיך זיך צוריקגעצויגן
און די אויגן זיך פֿאַרשטעלט.

אַ ציטער האָט מיך דורכגענומען,
ווי איז עס מיגלעך, ווי קען עס זײַן?
אַזאַ גאַנצע וועלט, אַ גרויסע,
זאָל זיך פֿאַרהאַלטן אין אַן אויגנשײַן?

יאָ, זאָגט מײַן האַרץ מיר.
אַלץ איז מיגלעך.
זע, די וועלט שטייט אַ פֿאַרגאַפּטע
פֿאַרן ווונדער פֿון צוויי הערצער מיט איין אָטעם.

איז די וועלט זיך מצמצם, ציט זיך אײַן.
קענסטו זי דערזען אַפֿילו נאָר אין איין אויגנשײַן.
אַ שיינע וועלט,
זייער, זייער אַ שיינע וועלט.

אַבֿ הרחמים

מיט וויפֿל בײַטשן בײַטשסטו אַבֿ הרחמים?
מיט וויפֿל ריטער רײַסטו און שינדסט?
וויפֿל גיהנומס האָסטו פֿאַרגרייט דערבאַרעמדיקער פֿאָטער
פֿאַר דײַן באַליבטן אויסדערוויילטן קינד?

איז דער אָפּצאָל שוין אַ צופֿרידנדיקער?
איז דײַן כּוס געגונג דיר פֿול?
צי איז דײַן פֿאָלק נאָך אַלץ בעל חובֿ דיר?
און מאָנסט נאָך אַלץ פֿון אים: צאָל!

וויפֿל קינדער לעבנס פֿאַר אַ חילול שבת?
וויפֿל פֿאַרגוואַלדיקטע פֿאַר עובֿר זײַן אויף עפּעס וואָס?
שטעל צו אַ חשבון דערבאַרמדיקער פֿאָטער,
אויך פֿאַר דיר מוז ערגעץ זײַן אַ מאָס.

אַ צווילינג

ס'יאַטערט זיך אַ ווונד אין מיר
און לאָזט זיך נישט פֿאַרהיילן,
ווילט זיך האַלטן עס בסוד
און קיינעם נישט דערציילן.

אָבער נאָר די ליפּן קענען זיך
פֿאַרקלעמען און פֿאַרזיגלען,
שווערער איז דעם אויג, דעם האַרץ
זיך פֿאַרשליסן הינטער ריגלען.

זינגט אין מיר אַ ניגון
שוין ווייסער וויפֿל יאָרן,
האָט די ווונד מײַנע פֿאַרטראַכט
מיטן ניגון זיך צו פּאָרן.

זינגט און קלאָגט איינצײַטיק
אין האַרץ בײַ מיר אַ צווילינג.
דאַכט זיך לאַנג שוין אָסיען,
און אָט צעצוויטערט זיך אַ פֿרילינג.

אַ בלבול

נישט געשטויגן נישט געפֿלויגן
ס'איז קיין מאָל נישט געשען
דאָס האָט פֿאַרטראַכט דער קראַנקער מוח
גאָר נישט שווער דאָס צו פֿאַרשטיין.

די קנאה צו דער קרוין פֿון פֿעלקער,
די שׂנאה צו זײַן גבֿורה, צו זײַן פּראַכט,
טרײַבט דעם קרענקלעך ווילדן מוח
צו בלבולים פֿון אים אַליין פֿאַרטראַכט.

דאָס פֿאַרחלומט מייקעלע
מיט איר ח'טע דבֿורהלע
מײַן שוועסטערל
זײַנען אויסגעטראַכטע, קיין מאָל נישט געווען.

מייקעלע מײַן שוועסטערל, ווידער הייבט זיך די האַק איבער
דײַן קאָפּ.
אַ האַק אַ געבילדעטע, מיט פֿאָרשונג און באַווײַזן,
גרייט שוין דעם צווייטן טויט פֿאַר דיר.
אָפּווישן דײַן זכר. דו ביסט דאָך גאָר אַ בלבול
ווי אוישוויץ, ווי באַבי־יאַר
אַ לא היה ולא נברא. אַ נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן.
אַן אויסטראַכטעניש פֿונעם יודאָס קראַנקן מוח
אויף דער ריינסטער, שענצטער ראַסע,
אויפֿן דײַטש.

פֿאַרמשפּט

ס'הייבט צום הימל זיך די ערד,
נייגט זיך הימל איר אַנטקעגן.
איך אינצווישן, נישט דאָ נישט דאָרט,
זוך באַשייד, זוך וועמען פֿרעגן.

לעשט דאָס ליכט זיך אַרום מיר.
בליצט אויף אַ דונערדיקער פֿײַער.
איך, אינמיטן, ברען און פֿריר,
זוך דעם וועג פֿון פֿראָסט און פֿײַער.

וויגט דער ווינט דאָס וויגל לער,
וויגט זיך פּוסט און וויגט זיך ליידיק.
איך וויג זיך מיט אַהין, אַהער,
אַ וויגעניש פֿון טעמפּן ווייטיק.

שטרעקט זיך זייער אָנקלאָג פֿינגער.
אַן אָנקלאָג שאַרף און בולט,
— — פֿאַרמשפּט אונדז, פֿאַרמשפּט זיך,
מיטגעהאָלפֿן, מיטגעקוילעט.

פֿאַרלאָשן אונדזער יאָרצײַט ליכט,
אויסגעמעקט האָסט אונדזער זכר.
פֿאַרמשפּט אונדז, פֿאַרמשפּט זיך,
פֿאַרפֿולט ביז ראַנד האָסט אונדזער בעכער —

אין אַנגסט וועק איך זיך פֿון שלאָף.
גאָט מײַנער זײ פּותר־חלום; בין איך שולדיק, נו, שטראָף מיך שטראָף
נאָר שטראָף נישט מער מיט אַזאַ חלום.

אַ תּפילה

גיב מיר גוטער גאָט
אַ חוש צו דערהערן
דאָס נישט־דערזאָגטע וואָרט,
דערבליקן דעם מינדסטן קנייטש פֿון שטערן.

מאַך שאַרפֿער מײַן געהער,
מײַן באַריר מאַך צאַרטער,
אַ היילונג וויל איך זײַן
אַ היילונג אַ געגאַרטע.

שענק מיר ליבער גאָט
דעם כּוח צו דערשפּירן
דאָס נענטערן פֿון שטורעם,
פֿון הונגערן און פֿרירן.

אַ וואָרנונג וויל איך זײַן
פֿאַר טאַטעס און פֿאַר מאַמעס
פֿאַר קינדער אין די וויגן,
קעגן נצחונות, און מפּלות, קעגן אַלע זיגן.

אַן אָנזאָג וויל איך זײַן,
אויף פֿרײַהייט און אויף טרוימען
אויף פֿרייד פֿון שאַפֿן
פֿרײַ פֿון צוואַנג און צוימען.

מאַך שטאַרקער ליבער גאָט
מײַן כּוח אויסצוהערן.
דעם שטאַמלער, דעם פֿאַרשעמטן,
אָן ביטול, אָן חוזק, און אָן שפּאָט.
פֿאַר דעם וועל איך תּמיד דאַנקען דיר מײַן גאָט.

בײַם פֿענצטער

אַקעגן מײַן פֿענצטער אַריבער דעם וועג,
אין פֿריִער שעה פֿון פֿרימאָרגן,
זע איך טאָג־טעגלעך אַ פֿרוי אין געיעג
מיט דער שעה, מיטן טאָג, מיטן מאָרגן.

ווילט זיך מיר זאָגן: נישט יאָג זיך מײַן פֿרײַנד,
זע, אָט קומט אויף די זון שוין,
אַ וואַרעמער אָנזאָג אויף ליכט און אויף פֿאַרב.
אַ לויטערער טאָג טאָגט שוין.

איך זע נישט איר פּנים, כ'זע נישט איר קאָפּ
פֿון האַלדז ביז העלפּט פֿון איר גוף נאָר.
איר צעוויג פֿון די אַקסלען, אירע טרודע הענט,
אַ פֿאַרמעסט מיטן זייגער אַ געיעג מיטן טאָג.

טרעפֿט איך פֿאַרשלאָף זיך. יאָגט מיך צום פֿענצטער,
זאָגן גוט מאָרגן מײַן פֿרײַנד פֿון אַקעגן אַריבער דעם וועג.
כאָטש נישט געזען כ'האָב אירע אויגן, נישט געהערט כ'האָב
איר קול,
ס'קען זײַן, ווער ווייסט, אינעם ווײַטן אַמאָל
זײַנען מיר אפֿשר גאָר שוועסטער געווען אָדער
ח'טעס גוטע.
אפֿשר, ווער ווייסט?

של נעליך

אין האַלב טונקעלען זומער פֿרימאָרגן
ווען ס׳הענגט נאָך דער שלאָף אויף די וויעס,
גייט אויף פֿון די טוייִקע גראָזן
אַ פֿריידיקע, ערלעכע צניעות.

מישט זיך די שטילקייט מיט ריחות און פֿאַרבן
שאַפֿט זיך אַ כּישופֿדיק ראָד,
אָט צעשמעקט זיך אַ בייט,
אָט צעפֿינקלען זיך פֿאַרבן
און די שטילקייט — אַ תּפֿילה, אַ גנאָד.

ס׳פֿאַרהאַלט זיך דער אָטעם
נישט שטערן די רו.
קיין פינטל פֿון אויג,
קיין ריר נישט, קיין שאָרך.

אויב פֿאַראַן ס׳איז אַ גאָט
איז ער זיכער דאָ דאָ.
של נעליך
ס׳איז הייליק דאָס אָרט.

אַ בריק

אין דער נאַכט ווען דער שלאָף טוט זיך אָפּ
אונדזער אומעט נעמט שטײַגן
וועגד איך זיך צום צויבער־קעסטעלע
אפֿשר וועט עס מיך פֿאַרוויגן.

ניין, דאָס איז נישט געשען.
געשען איז גאָר עפּעס אַנדערש
גערעדט האָט אַ מענטש מיט אַ קול אַ ווייכס
און גערעדט האָט ער אינדיאַניש.

כ׳האָב נישט פֿאַרשטאַנען קיין איין וואָרט
און נישט באַמיט זיך צו פֿאַרשטיין
געגונג מיר געווען זײַן טאָן, זײַן ניגון,
אַ ווייכער, אַ וואַרעמער פֿידל.

זײַנע צעעפֿנטע אויגן, זײַן לויטערער בליק
דערנענטערט, פֿאַראייגנט און שטעלט אויף אַ בריק
אַן אינדיאַניש־יִידישע בריק.
אַ וווּנדער אַ בריק.

אפשר, ס׳קען זײַן אַז זײַן שטאַם און מײַנער
זײַנען ערגעץ פֿאַרברודערט, פֿאַרבונדן,
מיר האָבן דאָך ביידע איבער דורות געשפּאַנט
אויף שטעכיקע וועגן מיט אָפֿענע ווונדן.

איך זע אָבער שוין אונדזער בשותּפֿותדיקע בריק
די בריק, אַן אַנטיק
אַ וווּנדער אַ בריק.